STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10914

KINDER-DERTSEYLUNGEN

Sholem Aleichem

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שאָלעם אלייכעם

שאָלעמ-אלייכעמ

קינדער־דערציילונגענ

באארבעט פאר קינדער
ד ע ר נ י ס ט ע ר

קינדער־פארלאג באמ צ. ק. ל.ק.י.פ.או.
כארקאָוו 1935

Printed in Soviet Union

פאַראַנטוואָרטלעכער רעדאַקטאָר — אי. גרינזייד
צייכענונגען — פון קינסטלער מ. פראדקין
קאָרעקטאָר — ל. הילער

Видруковано з матриць виготовлених в друкарні ім. Фрунзе, м. Харков.

Одобліт № 1454. Уповнов. Головліту № 3311. Замовлення № 829. 4½ друк. арк. + ⅛ вліпка 3,9 авт. арк. Підписано до друку 22-XII 35 р. Чергове видання № 185.

Друкарня ім. Леніна, Одеса, Пушкінська, 18.

דאָס מעסערל

(א מײַסע פאַר קינדער)

1

הערט, קינדער, איכ וועל אײַכ דערציילנ א מײַסע מיט א מעסערל; ניט קיינ אויסגעטראכטע מײַסע, נאָר אנ עמעסע, וואָס האָט זיכ געטראָפנ מיט מיר טאקע אליינ.

צו קיינ זאכ אפ דער וועלט האָב איכ אזוי קיינ כיישעק ניט געהאט, ווי צו א מעסערל; קיינ זאכ אפ דער וועלט האָב איכ אזוי ניט געגאַרט צו האָבנ, ווי צו האָבנ א מעסערל, אנ אייגנ מעסערל. דאָס מעסערל זאָל זיכ ליגנ אינ קעשענע, אונ ווענ איכ וויל, זאָל איכ דאָס מיר ארויסנעמענ, אונ וואָס איכ וויל, זאָל דאָס מיר שנײַדנ — אונ לאָזנ מײַנע כאוויירים וויסנ.

איכ האָב נאָרוואָס אָנגעהויבנ גיינ אינ כיידער, צו יאָסל מעלאמעד, האָב איכ שוינ געהאט א מעסערל, דאָס הייסט, קימאט, אזויווי א מע־סערל. איכ האָב דאָס מיר טאקע אליינ געמאכט. איכ האָב אויסגעריסנ א געפֿינענע פעדער פונ א פלעדערוויש, פונ איינ זײַט אָפּגעהאקט, פונ דער אנדערער זײַט אויסגעגלעט אונ האָב מיר פֿאַרגעשטעלט, עלעהיי ס'איז א מעסערל אונ סע שנײַדט...

— וואָס איז דאָס פאר א פעדער, וועלכע שווארצע יאָר? וואָס איז דאָס פאר ארומטראָגנ זיכ מיט פעדערנ? — פרעגט מיכ דער טאטע, א קראַנ־קער ייִד מיט א געל אויסגעטריקנט פּאָנעם, אונ פארהוסט זיכ. — נא דיר גאָר פעדערנ, שפּילעכלעכ — קכע־הע־הע־הע!

— וואָס ארט דיך, אז דאָס קינד שפּילט זיך? — ענטפערט אים די מאמע, א נידעריטשקע ייִדענע מיט א זײַדן טיכל אפן קאָפּ. — אבי אָפּעסן זיך דאָס הארץ, מײַנע סאָנים!

שפּעטער, אז איך בין שוין עלטער געוואָרן, האָב איך שוין געהאט קימאט אן עמעסדיק מעסערל, אויך מײַן אייגענע מעלאָכע: איך האָב דערטאַפּט א שטיקל שטאָל פון דער מאַמעס „קרינעלינע" * און האָב דאָס אײַנגעזעצט זייער קונציק אין א שטיקל האָלץ. דאָס שטיקל שטאָל האָב איך רעכט אָנגעשאַרפט אָן א טאָפּ, און האָב זיך דערבײַ גע־ווינטלעך, צעשניטן אלע פינגער.

— זע נאָר, זע, ווי ער האָט זיך דאָס אביסל צעבלוטיקט, דער פּאַרשוין דײַנער! — שרײַט דער טאַטע און נעמט מיך אָן בא די פינגער אזוי, אז די ביינדלעך קנאַקן. — א שיינער באַכערקע — קכע־הע־הע־הע!

— אוי, א דונער איז מיר! — זאָגט די מאַמע און נעמט צו בא מיר דאָס מעסערל און וואַרפט דאָס ארײַן אין אויוון ארײַן, קוקט ניט אף מײַן געוויין. — אצינד וועט דאָס האָבן אָן עק, ווײ איז מיר ניט!

איך האָב אָבער גיך באַקומען אן אנדער מעסערל, טאַקע אף דער רעכטער עמעס א מעסערל: א הילצערן קלעצל, א קײַלעכיקס, א בײַכיקס, ענלעך אף א פּעסל, מיט א האַרבאַטע קלינגל, וועלכעס האָט זיך אי גע־עפנט, אי פאַרמאַכט. איר ווילט וויסן, ווי אַרום האָב איך דאָס באַקומען? איך האָב מיר צונויפגעשלאָגן א קאַפּיטאַל פון די אָנבײַסנס און האָב אָפּגעקויפט בא שלוימעלען פאַר זיבן גראָשן מעזומען, און דרײַ בין איך אים געבליבן שולדיק.

אוי, האָב איך דאָס ליב געהאט! אוי, האָב איך דאָס ליב געהאט! גע־קומען אהיים פונעם כיידער א דערהאַרגעטער, א הונגעריקער, א שלעפּעריקער, אָן אויסגעפּאַטשטער, איז דאָס ערשטע געווען ארויסנעמען דאָס מעסערל פון אונטער דער שווארצער שאפע (דאָרט איז דאָס געלעגן א גאַנצן טאָג, מאַכמעס אין כיידער האָב איך דאָס ניט געטאָרט האַלטן, און אינדערהיים האָט אוואדע קיינער ניט געטאָרט וויסן, אז איך האָב א מעסערל); נאָכדעם האָב איך דאָס גענומען אויסגלעטן, איבערשנײַדן א שטיקל פּאַפּיר, איבערהאַקן א שטרוי אפדערהאַלב, און ערשט נאָכדעם צעשנײַדן מײַן כײַלעך ברויט אף קלייניטשקע, קלייניטשקע שטיקעלעך,

* קרינעלינע — אן אלטמאָדיש קלייד.

אָנשטעכן אפֿן שפּיץ פֿונעם קלינגל און ערשט נאָכדעם לייגן אין מויל אַרײַן.

שפּעטער, פֿאַרן שלאָף, האָב איך דאָס אויסגערייניקט, אויסגעשײַערט אויסגעפּוצט, גענומען דאָס שאַרפֿשטיינדל, וואָס איך האָב געפֿונען בײַ אונדז אפֿן בוידעם, אָנגעשפּיגן און גענומען זיך שטילערהייט צו דער אַרבעט — שאַרפֿן דאָס מעסערל, שאַרפֿן, שאַרפֿן...

דער טאַטע, מיט אַ יאַרמעלקע אפֿן קאָפּ, זיצט איבער אַ סייפֿער, לערנט און הוסט, הוסט און לערנט.

די מאַמע איז אין קיך, פֿאַרעט זיך בײַ דער כאַלע. איך הער ניט אויף דאָס מעסערל צו שאַרפֿן, שאַרפֿן...

פּלוצים כאַפּט זיך אויף דער טאַטע, ווי פֿונעם שלאָף:

— ווער פּישטשעט דאָרטן? ווער אַרבעט דאָס? וואָס טוסטו, דו שקאָץ איינער?

ער גייט צו צו מיר און בויגט זיך אָן איבער מײַן שאַרפֿשטיינדל, כאַפּט מיך פֿאַרן אויער און פֿאַרהוסט זיך.

— אַ־אַ־אַ? מעסערלעך!? הע־הע־הע! — זאָגט דער טאַטע און נעמט צו בײַ מיר דאָס מעסערל מיטן שאַרפֿשטיינדל. — אַזאַ יונגאַטש, קראַנק נעמען אַ סייפֿער אין האַנט. קכע־הע־הע!

איך הייב אָן צו וויינען אויף אַ קול; דער טאַטע פֿאַרבעסערט מיר מיט עטלעכע פּעטש, און די מאַמע לויפֿט אַרײַן פֿון קיך מיט פֿאַרקאַטשעטע אַרבל, מיט אַ גוואַלד:

— שאַ, שאַ, וואָס איז דאָרט אַזעלכעס, פֿאַרוואָס שלאָגסטו אים? גאָט איז מיט דיר! וואָס האָסטו צום קינד? ווײ איז מיר ניט!..

— מעסערלעך?.. — שרײַט דער טאַטע און פֿאַרהוסט זיך. — אַ ברעקעלע קינד!.. אַזאַ יונגאַטש! קכע־הע־הע־הע!.. קראַנק נעמען אַ סייפֿער אין האַנט? אַ באָכערל פֿון אַכט יאָר!.. איך וועל דיר געבן מעסערלעך, דו פּוסטער באָכער איינער!.. אינמיטן דרינען גאָר מעסערלעך — קכע־הע־הע־הע!

גוואַלד, וואָס האָט ער געהאַט צו מײַן מעסערל? וואָס האָט דאָס בײַ אים אַזוינס פֿאַרזינדיקט? פֿאַרוואָס איז ער אַזוי אינקאַס?..

איך געדענק מײַן טאַטן קימאַט שטענדיק קראַנק, שטענדיק בלאַס, געל און טאָמיד אינקאַס, טאָמיד באַרויגעז אויף דער גאַנצער וועלט. פֿאַר אַ מינדסטער נאַרישקייט ווערט ער אָנגעצונדן און וויל מיך נאָר דורכעס זײַנ.

א גליק, וואָס די מאמע פארהיט מיכ, — זי לייזט מיכ אויס פונ זיינע הענט.

אונ דאָס מעסערל מייַנס האָט מענ פארוואָרפנ, פארוואָרפנ אזוי ווייַט, אז איכ האָב דאָס אכט טאָג קעסיידער געזוכט אונ געזוכט אונ האָב דאָס ניט געקאָנט געפינענ אינערגעץ. איכ האָב ערנסט באוויינט דאָס האָרבאטע מעסערל, דאָס גוטע מעסערל, אונ ווי ביטער אונ פינצטער מיר איז געווענ אינ ביידער, אז איכ האָב זיכ דערמאָנט, אז איכ וועל קומענ אהיימ מיט געשוואָלענע באקנ, מיט רויטע אונטערגעריסענע אויערנ פונ מאָטי מאלעכאמאָוועסעס הענט, צו וועמענ וועל איכ זיכ קערנ אונ ווענדנ? עלנט בינ איכ געבליבנ אָנ דעמ האָרבאטנ מעסערל, עלנט ווי א יאָסעמ, אונ קיינער, קיינער האָט ניט געזעענ מייַנע טרערנ, וועלכע איכ האָב שטילערהייט פארגאָסנ בא זיכ אפ מייַנ בעטל, באנאכט, קומענדיק פונעמ ביידער. שטיל האָב איכ מיכ אויסגעוויינט, אויסגעווישט די אויגנ, אנשלאָפנ געוואָרנ, אונ אפ מאָרגנ פרי ווידער אינ ביידער אריַינ, ווידער מאָטי מאלעכאמאָוועסעס קלעפּ, ווידער דעמ טאטנס קאס, דעמ טאטנס הוסט, דעמ טאטנס קלאָלעס, — ניטאָ קיינ פרייַע מינוט, קיינ פריילעכע מינע, קיינ שמייכעלע, קיינ איינציק שמייכעלע פונ קיינעמ, פונ קיינעמ. — איינער אליינ, עלנט, עלנט אפ דער גאנצער וועלט!..

2

פונ יענער צייַט אָנ איז איבערגעגאנגענ א יאָר אונ עפּשער אנדערהאלבנ. איכ האָב שוינ קימאט אָנגעהויבנ צו פארגעסנ דאָס האָרבאטע מעסערל. עס ווייַזט אויס, אז מיר איז אָבער באשערט געווענ, אז מייַנע אלע קינדערשע יאָרנ זאָל איכ אָפּקומענ פאר מעסערלעכ, איז געבוירנ געוואָרנ א נייַ מעסערל אפ מייַנ אומגליק! גאָר א שפּאָגל־נייַ מעסערל, אנ אנטיקל, א צאצקע, כ'לעבנ, א וואזשנע מעסערל, מיט צוויי קלינגלעכ, טייַערע שטאָלענע קלינגלעכ, שטארק שארפע, מיט א ווייַס ביינערנ קלעצל, מיט א מעשענעמ „קאסטנ", מיט רויטע מעשענע שטיפטיקלעכ — איכ זאָג אייכ, אנ אנטיקל, אנ עמעסדיקס, א „זאוויאלאָווס"*...

ווי קומט צו מיר דאָסדאָזיקע טייַערע מעסערל, וואָס איז גאָרניט אפ מייַנ מיסט געוואקסנ געוואָרנ? דאָס איז א גאנצע מייַסע, א טרויעריקע, נאָר א שיינע מייַסע, — הערט, איכ בעט אייכ, מיט קאָפּ:

* „זאוויאלאָוו" — א באוווסטע מעסער־פאבריק פאר דער רעוואָליוציע.

וואָס פאר א פאָנעם האָט באַ מיר געהאַט דער גאָלועכ*, דער ייִדישער דײַטש, וואָס איז געשטאַנענ באַ אונדז סטאַנציע, דער פאָד־ריאַדטשיק הער הערצ הערצענהערצ, אַז גערעדט האָט ער אפ ייִדיש, גע־גאַנגענ איז ער אָנ א היטל, אָנ א באָרד, אָנ פייעס אונ, איכ בעט איבער אײַער קאָוועד, ביז העכער האַלב אונטערגעשניטנ די קאַפאָטע? איכ פרעג אײַכ, ווי אַזוי האָב איכ זיכ געקאָנט אײַנהאַלטנ אונ ניט פּלאַצנ פאר גע־לעכטער, ווענ דערדאָזיקער ייִדישער דײַטש, אָדער דער דײַטשישער ייִד האָט צו מיר גערעדט דאַפקע אפ ייִדיש מיט אַסאַכ פּאַסעכנ.

— נו, ליבסטער קנאַבע, וואָס פיר סעדרע** גייט דיזע וואָכע?

— כּי־כּי־כּי! — האָב איכ מיכ צעלאַכט אונ באַהאַלטנ דאָס פאָנעם אינ האַנט.

— זאַגע־זאַגע, מײַנ ליבעס קינדכענ, וואָס פיר סעדרע גייט דיזע וואָכע?

— כּי־כּי־כּי — באַ־לאַק! — האָב איכ אַרויסגעשאָסנ מיט א געלעכטער אונ בינ אַנטלאָפנ געוואָרנ.

נאָר דאָס איז אַלצ געווענ צום אָנהויב, בעשאַס איכ האָב אים נאָכ גאָרניט געקאָנט, אָבער נאָכדעם, אַז איכ האָב מיכ שוינ גוט באַקאַנט מיט דעמדאָזיקנ דײַטש הער הערצ הערצענהערצ (ער איז אָפּגעזעסנ באַ אונדז אינ שטוב א יאָר קעסיידער), האָב איכ אים אַזוי ליב געקראָגנ, אַז עס האָט מיכ שוינ מער ניט געאַרט, וואָס ער דאַווענט ניט אונ עסט אומגע־וואַשנ. צום אָנהויב האָב איכ ניט פאַרשטאַנענ, ווי אַזוי לעבט ער? ווי אַזוי האַלט אים גאָט אפ דער וועלט? ווי אַזוי ווערט ער ניט דערוואָרגנ באַם עסנ? ווי אַזוי קריכנ אים ניט אויס די האָר פונעם נאַקעטנ קאָפּ? פונעם רעבנ מאָטי מאַלעכאַמאָוועס האָב איכ געהערט, פונ זײַנ מויל אַלײנ, אַז דערדאָזיקער ייִדישער דײַטש איז גאָר א גילגל***, דאָס הייסט: א ייִד איז מעגולגל געוואָרנ אינ א דײַטש, וואָס שפּעטער קאָנ ער נאָכ מעגולגל ווערנ אינ א וואָלף, אינ א בעהיימע, אינ א פערד, אָדער גאָר אינ א קאַטשקע... אינ א קאַטשקע?

— כאַ־כאַ־כאַ! א שיינע מײַסע! — אַזוי האָב איכ מיר געטראַכט אונ

* גאָלועכ — רעט מיט דער געגאָלטער באָרד.

** דער כומעש טיילט זיכ אפ קאַפּיטלענ, וואָס הייסנ סעדרעס. יעדע סעדרע האָט א באַזונדערנ נאָמענ, לויט א באַשטימט וואָרט אינ דער ערשטער פּראַזע (פּאָסעק).

*** גילגל — לויט דער פאָרשטעלונג פונ אַבערגלויביקע — א געשטאָרבענער, וואָס ווערט נאָכאַמאָל געבוירנ.

האָב בעעמעס ראכמאָנעס געהאט אפּנ דייטש. איינ זאכ האָב איכ ניט גע־קאָנט פארשטיינ: פארוואָס דער טאטע, וואָס איז געווענ אנ ערלעכער ייד, א גאָטספאָרכטיקער, האָט אימ טאָמיד אָפּגעטראָטנ דעמ אויבנאָנ. אונ אויכ אלע אנדערע יידנ, וואָס פלעגנ אריינקומענ צו אונדז אינ שטוב אריינ, פלעגנ אימ שטארק אָפּגעבנ קאָוועד:

— שאָלעמ־אליכעמ, רעב הערצ הערצענהערצ, וואָס מאכט מענ, רעב הערצ הערצענהערצ, זיצט, רעב הערצ הערצענהערצ!

איכ האָב אפילע אמאָל א פרעג געטאָנ דעמ טאטנ, האָט ער מיכ אָפּגעשטופּט אונ האָט מיר געענטפערט:

— אוועק, ס'איז ניט דיינ אייסעק! וואָס פּלאָנטערסטו זיכ דאָ ארומ, וועלכע שווארצע יאָר? קראנק ביסטו נעמענ א סייפער אינ האנט, הע־הע־הע־הע!

ווידער א סייפער? נאָכאמאָל א סייפער?.. איכ וויל אויכ זענ, איכ וויל אויכ הערנ, וואָס ער רעדט!

איכ גיי אריינ אינ זאל אריינ אונ פארגאנווע זיכ אינ א ווינקעלע אונ הער זיכ צו, ווי מע רעדט בא אונדז, ווי דער הער הערצ הערצענהערצ לאכט אפּ א קאָל אונ רויכערט גראָבע שווארצע „ציגיירנ”, וואָס שמעקנ א מעכייע... פלוצימ גייט צו צו מיר דער טאטע אונ לאָזט מיר אראָפּ א פּאטש:

— ביסט שוינ ווידער דאָ? דו פּוסטעפּאסניק! וואָס וועט זיינ פונ דיר דער טאכלעס, דו ליידיקגייער? גוואלד, וואָס וועט זיינ פונ דיר, הע־הע־הע־הע!..

דער הער הערצ הערצענהערצ שטעלט זיכ איינ פאר מיר: — אבער לאָזט זי אימ! לאָזט זי אימ!

נאָר עס העלפט ניט. דער טאטע טרייבט מיכ ארויס. איכ נעמ א „סייפער” אינ האנט, נאָר עס ווילט זיכ פאָרט ניט קוקנ אינ סייפער ארייג! וואָס טוט מענ?.. איכ גיי פונ איינ ביידער אינ דעמ אנדערנ, ביז איכ קומ צו דעמ שענסטנ פונ אלע כאדאָרימ, דאָרט, ווו עס שלאָפט טאָמיד דער הער הערצ הערצענהערצ. אכ, ווי שיינ, ווי ליכטיק דאָרט איז! די לאָמפּנ ברענענ אונ די שפּיגלענ גלאנצנ; אפּנ טיש — א גרויסער, א זילבערנער טינטער מיט שיינע פּענעס; מענטשעלעכ מיט פערדעלעכ, מיט קאצקעלעכ, מיט ביינדלעכ, מיט שטיינדלעכ אונ... א מעסערל... אכ, וואָס פאר א שיינ מעסערל!.. ווענ איכ, אשטייגער, זאָל האָבנ אזא מעסערל!..

ווי גליקלעך וואָלט איך געווען! וואָס פאַר אַ מינימ זאַכן וואָלט איך מיט דעם אויסגעשניצט! אָנו, מע דאַרף דאָס פּרוּוון — עס איז עפּעס שאַרף?. אַך! עס כאַפּט אַ האָר! עס האַקט איבער אַ האָר! אײַ־אײַ־אײַ, אַ מעסערל!.

איין מינוט — דאָס מעסערל איז בײַ מיר אין האַנט. איך קוק זיך אַרום אויף אַלע זײַטן און פּרוּוו זיך דאָס אַרײַנלייגן אין אַ מינוטקעלע צו זיך אין קעשענע... עס ציטערט מיר די האַנט... עס קלאַפּט מיר דאָס האַרץ אַזוי שטאַרק, אַז איך הער, ווי עס מאַכט „טיק־טיק־טיק"... איך הער, ווי עמעצער גייט, ווי עמעצער סקריפּעט מיט די שטיוול: דאָס איז ער, הער האַרץ הערצענהערץ! אײַ־אײַ, וואָס טוט מען? דאָס מעסערל לאָז זײַן בײַ מיר, איך וועל עס נאָכדעם צוריק אַנידערלייגן, דערווײַל דאַרף מען אַרויסגיין, אַוועקגיין פונדאַנען, אַנטלויפן! אַנטלויפן!..

. . . .

איך קאָן שוין קיין וועטשערע ניט עסן. די מאַמע טאַפּט מיך בײַם קאָפּ, דער טאַטע וואַרפט אויף מיר בייזע אויגן און שיקט מיך אָפּ שלאָפן. שלאָפן? איך קאָן דען צומאַכן די אויגן? איך בין אַ טויטער!.. וואָס טוט מען מיטן מעסערל? ווי אַזוי לייגט מען דאָס אַנידער צוריק?..

3

— קום נאָר אַהער, אַנטיק מײַנער! — מאַכט צו מיר אויף מאָרגן דער טאַטע. — האָסטו ניט געזען ערגעץ דאָס מעסערל?

צום אָנהויב בין איך געווען זייער דערשראָקן: עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז ער ווייסט, אַז זיי ווייסן אַלע... שיר, שיר האָב איך זיך ניט אַרויסגעכאַפּט: האַ? דאָס מעסערל? אָט איז דאָס... עס האָט מיך עפּעס ווי אַ וואָרג געטאָן אין האַלדז, און איך האָב מיט ציטערניש געענטפערט:

— ווו, — וואָ־אָ־סער מעסערל?..

— ווו, — וואָ־אָסער מעסערל! — קרימט מיך איבער דער טאַטע. — ווו, וואָ־וואָסער מעסערל! דאָס גילדענע מעסערל, אונדזער אורעכס * מעסע־ל! דו באָכערעץ, דו שקאָץ אײנער, קכע־הע־הע!

— וואָס האָסטו זיך צוגעטשעפּעט צום קינד? — מישט זיך אַרײַן די מאַמע. — דאָס קינד ווייסט ניט פון וואָס צו זאָגן, און ער דולט אים אַ ספּאָדעק: מעסערל, מעסערל!

---

* אורעך — אַ גאַסט.

— מעסערל, מעסערל! וואָס הייסט ער ווייסט ניט? — זאָגט דער טאַטע מיט קאַס. — א גאַנצן פאַרמאָרגן הערט ער, ווי מע שרייט „מעסערל, מעסערל! מעסערל, מעסערל!" מע קערט איבער די שטוב נאָך דעם מעסערל, פרעגט ער: וואָ־וואָסער מעסערל! גיי שוין, גיי וואש זיך, דו פוסטער באָכער איינער, דו פוסטעפּאַסניק, קכע־הע־הע!

איך דאַנק דיר, גאָט, וואָס זיי האָבן מיך כאַטש ניט באַזוכט! נאָר וואָס טוט מען ווייטער? מע באַדאַרף דאָס מעסערל באַשטאַטן ערגעץ אין א גוט אָרט... ווו באַהאַלט מען דאָס? אהא, אין בוידעם! איך כאַפּ דאָס ארויס פון קעשענע און טו דאָס א שטופּ אין שטיוול אריין... איך עס און ווייס ניט, וואָס איך עס. איך וואַרג זיך...

— וואָס כאַפּסטו זיך אזוי, ווערלבע שוואַרצע יאָר? — פרעגט דער טאַטע.

— איך איַיל מיך אין כיידער אריין, — ענטפער איך אים און פּיל, אז איך ווער רויט, ווי פייער...

— א מאַסמיד* געוואָרן, וואָס זאָגסטו אויף אים? — וואָרטשעט ער און קוקט אויף מיר ביין. קאַם, קאַם דערלעבט אויפעסן, אָפּבענטשן...

— נו, פאַרוואָס גייסטו שוין ניט אין כיידער, אנטיק מיינער? — פרעגט מיך דער טאַטע.

— וואָס טרייבסטו אים אזוי? — זאָגט אים די מאַמע. — לאָז דאָס קינד זיצן א מינוט!

איך בין שוין אויפן בוידעם... ווייט, ווייט אין קראָקווע ליגט דאָס ווייסע מעסערל; עס ליגט און שווייגט...

— וואָס קלעטערסטו אויפן בוידעמס? — שרייט דער טאַטע. — דו יונגאַטש איינער! קכע־הע־הע־הע!

— איך זוך דאָ עפּעס... — ענטפער איך אים און פאַל שיר ניט אום פאַר שרעק.

— עפּעס? וואָס הייסט „עפּעס"? וואָס איז דאָס פאַר א מין „עפּעס"?

— א... ס־סייפער... א... א...

— הא? א סייפער? אויפן בוידעם? א, דו היצעל איינער! קריך שוין אראָפּ, קריך, ווערסט שוין לייזן! דו הינטשלעגער, דו קאָ־קאַלבוניק איינער, קכע־הע־הע!

נאָר עס ארט מיך שוין ניט אזוי דעם טאַטנס קאַס, ווי עס ארט מיך

* מאַסמיד — א שטאַרק פלייסיקער.

דאָס, וואָס איך האָב מוירע, טאָמער געפינט מען דאָס מעסערל א קאַשע ? טאָמער גראָד היינט קריכט מען ארוף אפן בוידעם גרעט אויסהענגען, אָדער די לעזשנעס פארשמירן ?.. מע דארף דאָס פונדאָרטן אראָפּנעמען און באשטאטן אפ א בעסער אָרט !.. איך גיי ארום אין איין ציטערניש. יעדער קוק פונעם טאטנס אויגן ווייזט מיר אויס, אז ער ווייסט שוין, אז אָט־אָט טוט ער מיך א פרעג וועגן דעם אוירעכס מעסערל... איך האָב שוין אן אָרט אפ דעם, א טייער אָרט! ווו ?—אין דער ערד, אין א גריבל בא דער וואנט אריינגעשטעקט, און פונויבן רעכט פארשארט מיט שטרוי, פאר א סימען... געקומען פונעם כיידער, כאפ איך זיך באלד ארויס אין הויף אריין, איך נעם מיר פאוואָלינקע ארויס דאָס מעסערל און איך האָב קיין צייט ניט אפילע רעכט אָנשפּיגלען זיך אין דעם, הער איך שוין דעם טאטנס געפילדער:

— ווו ביסטו ערגעץ דאָרט ? פארוואָס גייסטו שוין ניט דאווענען, דו באלעגאָלע־יונג, דו וואַ־וואסערפירער ! קכע־הע־הע !

נאָר וויפל דער טאטע רוידעפט מיך און יאָגט מיך, וויפל דער רעבע הארגעט מיך און שלאָגט מיך, איז דאָס בלאָטע קעגן יענעם פארגעניגן, וואָס איך האָב בעשאס איך קום פונעם כיידער און זע מיך מיט מיין טייערן, מיין איינציקן ליבן כאווער—מיט מיין מעסערל ! דאָס פארגע־ניגן איז אָבער—אוי־וויי !—אויסגעמישט מיט יעסורים, פארביטערט מיט מאָרעשכוירע, מיט שרעק, מיט גרויסע, גרויסע שרעק !

4

זומער־לעב. די זון זעצט זיך, די לופט ווערט עטוואָס קילער, דאָס גראָז שמעקט, די זשאבעס קוואקען, און שטיקער כמארעס פליִען דורך, אָן רעגן, פארביי דער לעוואָנע, ווילן זי איינשלינגען. די ווייסע זילבערנע לעוואָנע באהאלט זיך אלע מינוט און באווייזט זיך ווידער, דאכט זיך, זי שוועבט און שוועבט און—שטייט אפ איין אָרט. דער טאטע זעצט זיך צו אפן גראָז אין א כאלאט האלב־נאקעט, האלט איין האנט איך בוזעם און מיט דער אנדערער האנט שארט ער בא דער ערד און קוקט אפן אויס־געשטערנטן הימל און הוסט, דאָס פּאָנעם אקעגן דער לעוואָנע איז טויט, פארזילבערט. ער זיצט פונקט אפ דעם אָרט, ווו דאָס מעסערל ליגט בא־גראָבן, און ער ווייסט גאָרניט, וואָס אונטער אים טוט זיך. אך, ווען ער זאָל, אשטייגער, ויסן ! וואָס וואָלט ער געזאָגט ? וואָס וואָלט איך געהאט ?

„אהא,—טראכט איך מיר אין הארצן—האָסט מיר פארוואָרפן מײַן הארבאטע מעסערל, האָב איך איצט אפּיסל א בעסערס, א שענערס! דו זיצסט אפ דעם און דו ווייסט פון גאָרניט. אוי, טאטע, טאטע!"...

— וואָס גלאנצסטו אפ מיר די אויגן, ווי א קאָ־קאָטער? — כאפּט מיך אָן דער טאטע. — וואָס זיצסטו צונויפגעלייגט די הענט, ווי א שטאָט־באלעבאָס? קאָנסט זיך שוין גאָר קיין ארבעט ניט אָפּזוכן? פארסארפּעט זאָלסטו ניט ווערן, יונגאטש איינער! א מי־מיסע־מעשונע זאָל אפ דיר ניט קומען, קכע־הע־הע!

אז ער זאָגט: פארסארפּעט זאָלסטו ניט ווערן, א מיסעמעשונע זאָל אפ דיר ניט קומען, דאָס איז א באווײַז, אז ער איז ניט אזוי שטארק אין־קאַס. פארקערט, דאָס איז א סימען, אז ער איז אופגעלייגט. און בעעמעס טאקע: קאָן מען דען זיין ניט אופגעלייגט אין אזא שיינער, וווּנדער־לעכער זומער־נאכט, ווען עס ציט יעדן באזונדער און עס טרײַבּט אים ארויס אפ דער גאס, אפ דער לופט, אפ דער וויכער, פרישער, אויס־געצייכנטער לופט? אלע, אלע זיינען אצינד אינדרויסן: דער טאטע, די מאמע, די קלענערע קינדער, וואָס זוכן קליינע שטיינדלעך און שפּילן אין זאמדעלעך. דער הער הערצ הערצענהערצ דרייט זיך אויך ארום איבערן הויף אָן א היטל, רויכערט א „ציגאַיער" און זינגט א דײַטשיש לידל, קוקט אפ מיר און לאכט... דאָס לאכט ער פון מיר, אפּאָנעם, וואָס דער טאטע טרײַבּט מיך. איך לאך אָבער פון זיי אלע. אָט באלד וועלן זיי אלע גיין שלאָפן, וועל איך מיך דעמלט ארויסכאפּן אין הויף ארויס (איך שלאָף אין הויז, פונפּאָרנט, אפ דער ערד, וואָרום אין שטוב איז די היץ שרעקלעך גרויס), איך וועל מיך שוין אָנטישען, אָנשפּיגלען אין מײַן מעסערל!..

דער אוילעם שלאָפט. שא־שטיל ארום און ארום. פּאוואָלינקע הייב איך מיך אוף אפ אלע פיר, און שטיל, ווי א קאץ, גאנווע איך מיך ארויס אין הויף ארויס. די נאכט איז שטיל, די לופט איז פריש, מעכײַע. פּאמעלעך קריך איך צו צו יענעם אָרט, ווו דאָס מעסערל ליגט באגראָבן. פּאוואָליע גראָב איך דאָס ארויס פונדאָרטן און באטראכט דאָס בא דער לעוואָנע. עס גלאנצט, עס בלישטשעט, ווי גינגאָלד, ווי א ברילִיאנט. איך הייב אוף די אויגן ארוף און דערזע—די לעוואָנע קוקט גלײַך אראָפּ צו מיר, אפ מײַן מעסערל... וואָס קוקט זי זיך אזוי אײַן? איך דריי מיך אויס צוריק, זי קוקט מיר נאָך. איך פארשטעל דאָס מעסערל מיטן העמדל — זי קוקט

מיר נאָכ. זי ווייסט געוויס, וואָס דאָס איז פאר א מעסערל און ווו איכ האָב דאָס גענומען... גענומען?.. איכ האָב דאָס געגאַנוועט!

דאָס ערשטע מאָל, פון זינט דאָס מעסערל איז מײַנס, קומט מיר דאָס־דאָזיקע שרעקלעכע וואָרט אפ די געדאַנקען. געגאַנוועט? בין איכ דאָכ, הייסט דאָס, א גאַנעוו! איכ האָב געגאַנוועט! וואָס וועט מען מיר דערפאר טאָן אין גענעם? אוי, ווײַ! מע וועט מיר אָפּהאקן די האַנט, די האַנט, וואָס זי האָט געגאַנוועט... מע וועט מיכ שמײַסן מיט אײַזערנע ריטער... מע וועט מיכ בראָטן און ברענען אפ הייסע סקאָווראָדעס... אייביק, אייביק וועל איכ גליען... מע באַדאַרפ אָפּגעבן דאָס מעסערל, מע באַדאַרפ אַנידערלייגן צוריק דאָס מעסערל, מע באַדאַרפ ניט קיין גנייווישע מעסערל! מאָרגן לייג איכ אַנידער צוריק דאָס מעסערל!

אַזוי טראַכט איכ מיר און נעם דאָס מעסערל צו זיכ אין בוזעם אַרײַן — פיל איכ, אַז סע בריט מיכ, סע בראָט מיכ. ניין, מע באַדאַרפ עס צוריק באַהאַלטן, באַגראָבן אין דער ערד אַרײַן ביז מאָרגן! און די לעוואָנע פונויבן קוקט אפ מיר. וואָס קוקט זי? די לעוואָנע זעט, זי איז אַן איידעס... און איכ קריכ צו פּאַוואָלינקע צוריק אין הויז אַרײַן אפ מײַן געלעגער און לייג זיכ שלאָפן און קאָן ניט אַנשלאָפן ווערן. איכ קאַטשע זיכ פון איין זײַט אפ דער אַנדערער און קאָן ניט שלאָפן... מיטן טאָג גלײַכ שוין בין איכ אַנשלאָפן געוואָרן, און עס האָט זיכ מיר געכאָלעמט א לעוואָנע, און עס האָבן זיכ מיר געכאָלעמט אײַזערנע ריטער, און עס האָבן זיכ מיר געכאָלעמט מעסערלעכ... גאַנצפרי האָב איכ זיכ אופגעכאַפּט, אָפּגעדאַוונט געשמאַק און אָפּגעכאַפּט דעם אָנבײַסן אפ איין פוס — און מאַרש אין כיידער אַרײַן.

— וואָס כאַפּט דאָס דיכ אַזוי אין כיידער אַרײַן! — שרײַט אפ מיר דער טאַטע. — וואָס יאָגט דאָס דיכ אַזוי? וועסט ניט אָנוווערן די טוירע דײַנע שפּעטער אויכ! בענטש בעסער, ווי עס קער צו זיין, און היפּער ניט קיין ווערטער! וועסט נאָכ צײַט האָבן זיין אויסגעלאָזט, דו הולטײַ איינער, דו אפּיקוירעס*, דו טריי־טרייפּעניק איינער, קכע־הע־הע־הע!

5

— וואָס עפּעס אַזוי שפּעט? טו נאָר א קוק אַהער! — האַלט מיר דער רעבע פיר און ווײַזט מיר אָן מיטן פינגער אפ מײַן כאַווער „בערל דעם

* אפּיקוירעס — דער, וואָס גלויבט ניט אין גאָט.

רויטנס", וואָס שטייט אין א ווינקעלע מיט אן אראָפּגעלאָזטן קאָפּ. — זעסטו, וויסערכעווורעניק? זאָלסטו וויסן זיין, אז פון היינטיקן טאָג אָן און ווייטער איז שוין זיין נאָמען ניט „בערל דעם רויטנס", ווי ער האָט געהייסן ביז אהער. ניין! ער הייסט אצינד א שענערן נאָמען; אצינד הייסט ער בערעלע דער גאנעוו! — שרייט־זשע, קינדער: בערעלע דער גא־א־נעוו! בערעלע דער גא־א־נעוו!

דידאָזיקע ווערטער ציט אויס דער רעבע מיט א ניגון, און אלע טאַל־מידים כאַפּן אים אונטער, ווי די זינגערלעך:

— בערעלע דער ג־א־א־נעוו! בערעלע דער ג־א־א־נעוו!

איך בלייב א פארשטיינערטער, און א פראָסט גייט מיר איבער אפן לייב. איך פארשטיי ניט, וואָס דאָס באדייט...

— וואָס שווייגסטו, דו, שקאָץ איינער?.. — רופט זיך אָן דער רעבע צו מיר מיט אן אומגעריכטן פּאטש. — וואָס שווייגסטו? דו הערסט דאָך, אז אלע זינגען, העלף זינגען מיט אלע גלייך: „בערעלע דער ג־א־א־נעוו, בערעלע דער גא־א־נעוו!".

עס ציטערן מיר הענט און פיס. עס קלאַפּט מיר א צאָן אָן א צאָן, נאָר איך העלף זינגען: „בערעלע דער ג־א־א־נעוו!"

— העכער, שקאָץ איינער! — טרייבט מיך אונטער דער רעבע — שטארקער, שטארקער!..

און איך מיטן גאנצן כאָר זינגען אף אלערליי קוילעס: „בערעלע דער ג־א־א־נעוו! בערעלע דער ג־א־א־נעוו!"...

— ש־ש־ש־ש־א־א־א־א! — שרייט אויס פּלוצים דער רעבע און טוט א פּאטש מיט דער האנט איבערן טיש. — שא! אצינד וועלן מיר זיך נע־מען צום „מישפּעט" * (מיט א ניגון): אנו, בערעלע גאנעוו, קום נאָר אהער, מיין קינד, גיכער־זשע, גיכער אביסעלע! זאָג נאָר, יינגעלע, ווי אזוי רופט מען דיך? (מיט א ניגון).

— בערל.

— ווי אזוי נאָך? (מיט א ניגון).

— בערל... בערל... דער... גאנעוו!

— אָט אזוי, מיין ליב קינד, אָט אזוי ביסטו א ווויל יינגעלע (מיט א ניגון). אצינד, בערעלע, געזונט זאָלסטו מיר זיין און שטארק אף אלע

* מישפּעט — געריכט.

„בעט, זײַ מוחל, בערעלע, און צי אַראָפּ פֿון זיך די מאַלבושימלעך"...

אייורים (מיט א ניגון), נעם, זײַ מוחל, בערעלע, און צי אראָפּ פֿון זיך די מאַלבושימלעך. אָט אַזוי! נו־שוין — און גיכער שוין! איך בעט בײַ דיר: נו־שוין און גיכער שוין — אָט אַזוי, בערעשי, מײַן טײַערער!

בערל בלײַבט שטיין נאַקעט, ווי די מאַמע האָט אים געהאַט. קיין טראָפּן בלוט איז אין אים ניטאָ. ער רירט ניט מיט קיין אייווער. די אויגן אראָפּ. א געשטאָרבענער, א טויטער!..

דער רעבע רופֿט אַרויס איינעם פֿון די גרעסערע טאַלמידים, אַלץ מיט א ניגון:

— אַנו, הערשעלע דער גרויסער, גיי נאָר אַרויס פֿונעם טיש, אַהער צו מיר, געשווינדער, אָט אַזוי, און דערצייל אונדז אָקאָרשט די מײַסע פֿון אָנהויב ביזן סאָף, ווי אַזוי אונדזער בערעלע איז געוואָרן א גאַנעוו. הערט, כעווירע, מיט קאָפּ!

און הערשל דער גרויסער הייבט אָן צו דערציילן א מײַסע, ווי אַזוי בערל האָט זיך דערשלאָגן צו רעב מייער־באַלנעס*־פּושקע, וואָס זײַן מאַמע וואַרפֿט אַהין אַלע פֿרײַטיק פֿאַר ליכט־בענטשן א קאָפּיקע, און אַמאָל צוויי; ווי אַזוי בערל האָט זיך דאָביוועט צו אָט דערדאָזיקער צדאָקע־פּושקע, אַף וועלכער עס הענגט א שלעסעלע; ווי אַזוי בערל האָט מיט א שרויפֿעלע מיט סמאָלע אַרויסגעשלעפּט פֿונדאָרטן אַלע קאָפּיקעס איינציקווײַז ביז לעצט; ווי אַזוי די מאַמע זײַנע, „זלאַטע די הייזעריקע”, האָט זיך געכאַפּט, געעפֿנט דידאָזיקע צדאָקע־פּושקע, דאָרט איז געלעגן א שטרויִ אײַנגעטונקען אין סמאָלע; ווי אַזוי זלאַטע די הייזעריקע האָט אים „צוגעשטעלט א בענקעלע”; ווי אַזוי בערל האָט זיך באַלד נאָך דעם רעבנס שמיץ מוידע געווען, אַז א גאַנץ יאָר, א קײַלעכיק יאָר האָט ער געשלעפּט פֿון דער צדאָקע־פּושקע די קאָפּיקעס; ווי אַזוי ער האָט זיך יעדן זונטיק געקויפֿט צוויי לעקעכלעך מיט א באָקסער; ווי אַזוי... און אַזוי ווײַטער און ווײַטער.

— אַצינד, קינדער, מישפּעט אים! איר ווייסט שוין ווי אַזוי, דאָס איז שוין בײַ אייך ניט דאָס ערשטע מאָל. לאָז יעדער זאָגן זײַן מישפּעט: וואָס קומט א גאַנעוו, וואָס שלעפּט קאָפּיקעס פֿון א צדאָקע־פּושקע? הערשל דער קליינער, זאָג דו צום ערשטן, וואָס קומט אַזא גאַנעוו, וואָס שלעפּט קאָפּיקעס מיט א שטרויִ פֿון א צדאָקע־פּושקע?

* רעב מייער־באַלנעס־פּושקע — אַזא מין פּושקע, ווי מע פֿלעגט אַרײַנוואַרפֿן צדאָקע־געלט, ד. ה. געלט אַף רעליגיעזע צוועקן...

דער רעבע בייגט אײַן דעם קאָפּ אפּ א זײַט, ער מאכט צו די אויגן און שטעלט אונטער דעם רעכטן אויער צו הערשל דעם קליינעם. הערשל דער קליינער ענטפערט הויך, אפּ א קאָל:

— א גאנעוו, וואָס שלעפּט קאָפּיקעס פון א צדאָקע־פּושקע, קומט... מע זאָל אים קאטעווען ביז בלוט זאָל גיין.

— מוישל, וואָס קומט א גאנעוו, וואָס שלעפּט קאָפּיקעס פון א צדאָ־קע־פּושקע?

— א גאנעוו, — זאָגט מוישל מיט א וויינענדיק קאָל, — א גאנעוו, וואָס שלעפּט קאָפּיקעס פון א צדאָקע־פּושקע, קומט, מע זאָל אים אני־דערלייגן, צוויי אפּן קאָפּ, צוויי אפּ די פיס, און צוויי זאָלן אים שמײַסן מיט אײַנגעזאלצענע ריטער...

— טאָפּעלע טוטאריטו! וואָס קומט א גאנעוו, וואָס שלעפּט קאָפּיקעס פון א צדאָקע־פּושקע?

קאָפּל קוקאריקו, א ייִנגל, וואָס קאָן ניט אויסריידן קיין קופ און קיין גימל, ווישט אויס דאָס נעזל און זינגט זיין מישפּעט מיט א קוויטש:

— א דאנעוו, וואָס שלעפּט טאָפּיטעס פון א פושטע, טומט אים, אז אלע ייִנדלעך זאָלן צודיינג צו אים נאָענט און זאָדן אים דלײַך אין פּאָ־נעם דרײַ מאָל אפּ א טאָל: דאנעוו! דאנעוו! דאנעוו!

אין כיידער ווערט א געלעכטער. דער רעבע נעמט זיך מיטן גראָבן פינגער אונטערן גאָרגל, ווי א כאזן, און רופט מיך אופּ מיט א ניגן:

— זאָג נאָר דו, שלוימעניו, מיין טײַערינקער, דיין פּסאק: וואָס קומט א גאנעוו, וואָס שלעפּט קאָפּיקעס פון א צדאָקע־פּושקע?

איך וויל ענטפערן — פּאָלגט מיך ניט די צונג. איך ציטער, ווי אין א קאדאָכעס. עס וואָרגט מיך אין האלדז. א קאלטער שווייס באשלאָגט מיך פון אויבן ביז אראָפּ. עס פּײַפּט מיר אין די אויערן. איך זע שוין פאר זיך ניט דעם רעבן, ניט דעם נאקעטן „בערל דעם גאנעוו", ניט קיין כאוויירים. איך זע פאר זיך נאָר מעסערלעך, אָן א שיר מעסערלעך, וויַסע אָפענע מעסערלעך, מיט אסאך קלינגלעך. און דאָרט, בא דער טיר, הענגט די לעוואָנע, זי שמייכלט און קוקט אפּ מיר ווי א מענטש... עס דרייט זיך מיר דער קאָפּ, דער גאנצער כיידער, מיטן טיש, מיט די ספאָרים, מיט אלע כאוויירים, מיט דער לעוואָנע, וואָס הענגט אפּ דער טיר, און מיט אלע מעסערלעך... איך פּיל, ווי די פיס ווערן מיר אונטער־

די לעוואָנע קוקט מיר נאָך און עס דאכט זיך מיר, אז זי האָט געזען אלץ...

געהאַקט. נאָכ א מינוט — פאַל איכ אומ. נאָר איכ שטאַרק זיכ מיט אַלע קויכעס און האַלט זיכ אײַנ, איכ זאָל ניט פאַלנ...

פאַרנאַכט קומ איכ אַהיימ און פיל, אַז דאָס פּאָנעמ ברענט מיר, די בעקלעכ פלאַמענ, און אינ די אויערנ זשומעט מיר. איכ הער, מע רעדט צו מיר, נאָר וואָס — ווייס איכ ניט. עפּעס זאָגט דער טאַטע, עפּעס ביי־זערט ער זיכ, וויל מיר געבנ פּעטש; די מאַמע שטעלט זיכ אײַנ פאַר מיר, צעלאָזט דעמ פאַרטעכ, ווי א קוואָקע די פליגל, בעשאַס זי באַשיצט אירע הינדעלעכ, מע זאָל זיי ניט אָנרירנ צו שלעכטנ... איכ הער גאָרניט, איכ וויל גאָרניט הערנ. איכ וויל נאָר, ס'זאָל שוינ ווערנ גיכער נאַכט, איכ זאָל קאָנענ מאַכנ אַנ עק מיטנ מעסערל... וואָס טוט מענ מיט דעמ? מוידע זיינ זיכ און אָפּגעבנ דאָס? ווער איכ האָבנ בערעלעס פּסאַק. אונ־טערוואַרפנ דאָס? טאָמער כאַפּט מענ מיכ... פאַרוואַרפנ, און אַנ עק, אַבי פּאָטער ווערנ? וווּהינ פאַרוואַרפט מענ דאָס, אַז מע זאָל דאָס ניט געפינענ? — אַפנ דאַכ? ווערט מענ הערנ א קלאַפּ. אינ גאָרטנ? ווערט מענ דאָס געפינענ. אַהאַ! איכ ווייס שוינ, איכ האָב אַנ אייצע: אַרײַנ־וואַרפנ אינ וואַסער אַריינ! א טײַערע אייצע, כ'לעבנ — אינ וואַסער אַריינ, אינ ברונעמ, טאַקע אָט דאָ בײַ אונדז אַפנ הויפ!..

דערדאָזיקער געדאַנק געפעלט מיר אַזוי שטאַרק, אַז איכ וויל גאָר לאַנג ניט קלערנ. איכ כאַפּ דאָס מעסערל און לויפ גלייכ צומ ברונעמ; און עס דאַכט זיכ מיר, אַז איכ האַלט אינ די הענט ניט קיינ מעסערל, נאָר עפּעס א מיעסקייט, א מינ אומריינע זאַכ, פונ וועלכנ עס ווילט זיכ מיר וואָס גיכער צו באַפרײַענ זיכ, פּאָטער ווערנ. נאָר עס טוט מיר באַנק — אַזא טײַער מעסערל! א מינוט שטיי איכ פאַרטראַכט, און עס דאַכט זיכ מיר, אַז איכ האַלט אינ האַנט א לעבעדיקע זאַכ... דאָס האַרצ טוט מיר וויי אַפ דעמ: ס'טײַטש, ס'טײַטש, עס קאָסט מיכ אַזויפיל מי, עס איז אַזא שאָד!.. איכ נעמ זיכ אָנ מיט האַרצ און לאָז דאָס מיטאַמאָל אַרויס פונ די פינגער — „פליוכ”! עס טוט א פּלעשטשע דאָס וואַסער, און מער הערט מענ ניט... ניטאָ קיינ מעסערל! איכ שטיי נאָכ א מינוט באַמ ברונעמ און הער זיכ צו — מע הערט גאָרניט. דאַנקענ גאָט, פּאָטער געוואָרנ! כאָטש דאָס האַרצ קלעמט מיר, טוט מיר וויי: „ס'טײַטש, אַזא מעסערל, אַזא מעסערל!..”

איכ גיי צוריק צו מײַנ געלעגער און זע, ווי די לעוואָנע קוקט מיר נאָכ, און עס דאַכט זיכ מיר, אַז זי האָט געזענ אַלצ, וואָס איכ האָב דאָ

געטאָנ. און איך הער א קאָל פונוויַיטנס: „אָבער דו ביסט פּאָרט א גאַ־נעוו!.. כאפּט אים, קלאפּט אים, ער איז א גאנעוו! א ג־א־א־נעוו"... איך גאנווע זיך אריינ צוריק אינ הויז אריינ און לייג זיך שלאָפנ, און עס כאַלעמט זיך מיר, אז איך לויף, איך שוועב, איך פלי אינדערלופטנ מיטנ מעסערל, און די לעוואָנע קוקט אפ מיר און זאָגט: „כאפּט אים, קלאפּט אים! ער איז א גאנעוו! א ג־א־א־נעוו!.."

6

א לאנגער, לאנגער שלאָף! א שווערער, זייער א שווערער כאַלעמ! עס ברענט אינ מיר א פיַיער, עס זשומעט מיר אינ קאָפּ. אלצ, וואָס איך זע, איז רויט, ווי בלוט. ברענענדיקע ריטער פונ פיַיער קאטעוועס מיַינ ליַיב, און איך קאטשע זיך אינ בלוט. ארומ מיר דרייענ זיך שלאנגענ און עקדעשנ; זיי האלטנ אָפנ זייערע מיַילער און ווילנ מיך איַינשלינ־גענ... גלייך אינ אויער הער איך א טרומייט: טור־טור־טור־טו! און איינער שטייט איבער מיר און שריַיט אפ א קאָל מיט א ניגנ, צום טאקט: „שמיַיסט אים! שמיַיסט אים! שמיַיסט אים! ער איז א ג־א־א־נעוו!!!" און אליינ שריַי איך: „גוואלד, נעמט צו פונ מיר די לעוואָנע! גיט איר אָפּ דאָס מעסערל! וואָס האָט איר צו בערלענ, נעבעך? ער איז ניט שולדיק — דאָס בינ איך א גא־א־א־נעוו! א גא־א־א־נעוו!"...

און וויַיטער געדענק איך ניט.

. . . .

איך עפנ אופ איינ אויג, און דאָס אנדערע אויג... ווו בינ איך? דאכט זיך, אפ א בעט? וואָס טו איך דאָ? ווער זיצט דאָס אָט דאָרט אפ א בענקל באמ בעט? א! דאָס ביסטו, מאמע? מאמע!.. זי הערט מיך ניט!.. מאמע! מאמע! מא־א־מ־מע! — וואָס הייסט דאָס? מיר דאכט, אז איך שריַי אפ א קאָל. שא! איך הער זיך צו — זי — זי וויינט? זי וויינט שטי־לערהייט. אויך זע איך דעמ טאטנ מיט זיינ געל קרענקלעכ פּאָנעמ. ער זיצט איבער א סייפער און זאָגט עפּעס שטילערהייט און הוסט, און זיפצט און קרעכצט... עס וויַיזט אויס, אז איך בינ שוינ געשטאָרבנ... געשטאָרבנ?.. מיטאמאָל פיל איך, ווי עס ווערט מיר ליכטיק אינ די אויגנ, גרינג אינ קאָפּ, גרינג אינ אלע אייוורימ. עס קלינגט מיר אינ איינ אויער, אינעמ אנדערנ אויער: דזיננננ!! איך גיב א ניס: אפּ־טשי!

— צו געזונט! צו לאנגע יאָרן! סימען־טאָוו!* מאזלטאָוו! געלויבט ביסטו, גאָט!

— בעעמעס געגאָסן! געלויבט דער אייבערשטער!

— מיר האָבן א גרויסן גאָט! ער וועט אימירצעשעם זיין געזונט!

— לאָז מען רופן גיכער אהער מינצי די שויכעטקע! זי שפּרעכט גוט אָפּ אן איינהאָרע.

— דעם דאָקטער וואָלט מען באדארפט רופן, דעם דאָקטער!

— דעם דאָקטער? צו וואָס? נארישקייט! „ער" איז א דאָקטער! דער אייבערשטער איז דער בעסטער דאָקטער!

— צעגייט זיך, אוילעם, צעגייט זיך אביסל; עס איז שרעקלעך הייס! אום גאָטעס ווילן, צעגייט זיך!

— א יאָ? איך האָב אייך געזאָגט, אז מע דארף אים אויסגיסן מיט וואקס, הא? ווער איז גערעכט?

— געלויבט איז גאָט! געלויבט איז גאָט!..

מע דרייט זיך ארום מיר, מע קוקט אָפּ מיר. יעדער גייט צו און טוט מיך א טאָפּ באם קאָפּ. מע שפּרעכט מיך, מע שעפּטשעט מיך, מע לעקט מיר דעם שטערן און מע שפּײַט אויס, און מע פּילנעוועט מיך: מע גיסט מיר אין מויל ארײַן זודיקע יויך און מע שטופּט מיר מיט לעפּעלעך אײַנגע־מאכטס, — אלע דרייען זיך ארום מיר, מע היט מיך אָפּ, ווי דאָס שווארצ־אפּל פון עם אויג. מע האָדעוועט מיך מיט יאכלעך און מיט קאטשקע־לעך, ווי א פּיצעלע קינד, און מע לאָזט מיך ניט אליין. עס זיצט טאָמיד נעבן מיר די מאמע און דערציילט מיר איבער אלעמאָל איבעראנײַס די גאנצע געשיכטע, ווי אזוי מע האָט מיך אופּגעהויבן פון דער ערד קימאט א טויטן; ווי אזוי איך בין געלעגן צוויי וואָכן קעסיידער אין א העליש פײַער און האָב נאָר געקוואקעט ווי א זשאבע, און עפּעס קעסיידער גע־רעדט פון שמיץ און פון מעסערלעך... מע האָט שוין גערעכנט, אז איך בין שוין, כאָלילע, געשטאָרבן... און נאָכדעם, פּלוצים, האָב איך א ניס געגעבן זיבן מאָל, מאמעש פון טויט לעבעדיק געוואָרן...

— הײַנט זעען מיר, וואָס פאר א גאָט מיר האָבן, — לאָזט אויס די מאמע מיט טרערן אָפּ די אויגן. הײַנט זעען מיר ארויס, אז מע רופט צו אים, הערט ער אויס אונדזערע זינדיקע באקאָשעס און אונדזערע שולדיקע

---

* סימען־טאָוו — א גוטער סימען.

טרערן... אסאך, אסאך טרערן האָבן מיר פארגאָסן, איך און דער טאטע, ביז גאָט האָט ראכמאָנעס געהאט... שיר, שיר ניט אָנגעוואָרן, פארזינ־דיקט א קינד, כאָלילע, מיר זאָל זײַן פאר דײַנע בײנער. איבער װעמען? איבער װאָס? איבער א יינגל א גאנעװ, עפּעס א בערעלע, װאָס דער רעבע האָט פארשמיסן אין כײדער ביזן בלוט ארײנ. אז דו ביסט געקומען צו גײן פון כײדער, ביסטו שוין געװען א טױטער, דער מאמע זאָל זײן פאר דיר! דאָס איז א רױצײיעך. דאָס איז א גאזלען, גאָט זאָל אים באצאָלן!.. נײן, מײַן קינד, אז גאָט װעט אונדז שענקען דאָס לעבן און דו װעסט אי־מירצעשעם אופשטײן געזונטערהײט, װעלן מיר דיך שוין אָפּגעבן צו אן אנדער מעלאמעד, ניט אזא קאַט, אזא רױצײיעך, נישט געדאכט זאָל ער װערן!

— טײַערע, טײַערע מאמע!

און דער טאטע גײט צו צו מיר פּאװאָליע, לײגט ארוף זײן בלײכע קאלטע האנט מיר אפן שטערן און זאָגט צו מיר שוין װײך, אָן א שום קאס:

— אײַ, האָסטו אונדז איבערגעשראָקן, דו שקאָץ אײנער, קכע־הע־הע־הע!

אױך דער ייִדישער דײַטש, אָדער דער דײַטשישער ייִד, הער הערץ הערצענהערץ, מיט א „ציגאַרער" אין די צײן, בײגט זיך אָן מיט זײן גע־גאָלטער מאָרדע איבער מײַן בעטל און טוט מיך א גלעט איבערן בעקל און זאָגט אפ דײַטש:

— גוט, גוט, געזונט, געזונט!

7

אין א פּאָר װאָכן ארום נאָך מײַן אופשטײן פון בעט, רופט זיך אָן צו מיר דער טאטע:

— נו, מײַן זון, אצינד גײ אין כײדער ארײן, און האָב שוין מער ניט אײנזינען קײן מעסערלעך מיט קײן נארישקײטן... שוין צײַט זאָלסט שוין אָנהײבן װערן א שטיקל מענטש; אימירצעשעם איבער דרײַ יאָר װערסטו שוין בארמיצװע,* צו הונדערט און צװאנציק יאָר, קכע־הע־הע!

מיט אזעלכע זיסע װערטער שיקט מיך דער טאטע ארױס אין כײדער

* בארמיצװע — דרײַצן יאָר אלט.

אריַין צום נײַעם מעלאמעד, צו רעב כאַים קאָטער. דאָס ערשטע מאָל הער איך פון מײַן בייזן טאַטן אזעלכע גוטע ווייכע ווערטער, און איך פארגעס אין איין מינוט אלע זיינע רעדיפעס, מיט אלע זיינע קלאָלעס, מיט אלע זיינע פעטש, גלייך ס׳איז גאָרניט געווען אף דער וועלט. איך זאָל מיך ניט שעמען, וואָלט איך אים ארומגעכאפט קושן, נאָר — כי־כי־כי — ווי אזוי קושט מען א טאַטן?

די מאמע גיט מיר מיט אין כיידער אריין א גאנצן עפל מיט צוויי גראָשן, און אויך דער דײַטש שענקט מיר א פאָר קאָפּיקעס מיט א קניפּ איין בעקל, רעדט אף זיין שפּראַך:

— היבשער קנאַבע! גוט, גוט!

איך טו קושן די מעזוזע * און גיי אין כיידער אריין, ווי א נײַ־געבאָרענער, מיט א ריין הארץ, א גרינג הארץ, מיט א לויטערן קלאָרן קאָפּ, מיט נײַע מאכשאָוועס, מיט פרישע, ערלעכע, פרומע געדאַנקען. די זון קוקט אראָפּ און גריסט צו מיר מיט אירע ווארעמע שטראַלן. דאָס ווינטעלע פארגאַנוועט זיך צו מיר אונטער א פייע, די פייגעלעך פּישטשען: „טיפּ־טיפּ־טיפּ־טיפּ!״... עס הייבט מיך, עס טראָגט מיך אינדערלופטן. עס ווילט זיך מיר לויפן, שפּרינגען, טאנצן — אך, ווי גוט, ווי זיס דאָס איז, אז מע לעבט און מע איז אן ערלעכער, מע איז ניט קיין גאַנעוו, ניט קיין ליגנער!

איך קוועטש צו דעם סייפער צום הארצן שטארק־שטארק און לויף אין כיידער אריַין געשמאק־געשמאק, און איך שווער זיך, אז איך וועל קיינמאָל, קיינמאָל ניט זאטשעפּען קיין פרעמדס, קיינמאָל, קיינמאָל ניט גאַנווענען, קיינמאָל, קיינמאָל ניט לייקענען, טאָמיד זײַן אן ערלעכער, אן ערלעכער, אן ערלעכער...

געשריבן אין 1886-טן יאָר.

* די פרומגלויביקע יידן פלעגן צוקלאפּן צום בײַשטידל פון ט״ר עטלעכע פראזעס פון כומעש, געשריבן אף פארמעט. זיי האָבן געהאלטן, אז אָט דער „הייליקער״ פארמעט היט אָפּ די שטוב פון אלע אומגליקן. ארויסגייענדיק פלעגן זיי קושן אָט די מעזוזע.

געצל

1

געהייסן האָט ער געצל. מ'האָט אים געהאלטן פאר א פערע־אָדעם*: ווער עס האָט נאָר געהאט גאָט אין הארצן, דער האָט געטריבן מיט אים קאַטאָוועס, געמאכט פון אים כויזעק. געווען איז ער צווישן די קליינע ייִנגעלעך אין כיידער א באָכערל א דערוואקסענער שוין, א לעפּעשעוואַטער, מיט מעגושעם־גראָבע הענט און מיט מעגושעם־גראָבע ליפּן. א קאָל האָט ער געהאט, ווי פון א פאס, און געגאנגען איז ער מיט ברייטע הויזן און מיט גרויסע שטיוול, ווי א בער. א קאָפּ איז אים אפ געזעסן א גרויסער, ווי א באקדייזשע, און אָנגעשטאָפּט איז ער געווען, איך בעט איבער אײַער קאָוועד, מיט קלאָטשע, היי, אָדער פּעדערן. אזוי האָט געזאָגט אפ אים אין כיידער דער רעבע, רעב יאנקל, אים אויסגעוואָרפן אלעמאָל זײַן ווערטער, —„גראָבער נעפעש", „טרייפענער ביינ"; „אָקסן־פּעל" אוכדוימע אזעלכע שיינע צונעמענישן. און ער — גאָרנישט! ס'זאָל אים אפילע אָנהייבן רירן! פארקלויבן זיך אין א ווינקל, אָנגעשטאָפּט פולע באקן און געמאלעגיירעט, ווי א קאלב. געצל האָט געהאלטן, פארשטייט איר מיך, פונעם עסן. עסן איז בא אים געווען טײַערער פון וואָס איר ווילט. „א קישקע אָן א דנאָ", — האָבן געזאָגט אפ אים זיינע כאַווײרים, „א פרעסער, א זויפער" — האָט געזאָגט אפ אים דער רעבע, און געצל זאָל זיך דאָס אפילע פארקרימען! דערטאפּט דעם אָנבײַסן, אריַין אין מויל אריַין און געריבן אפ וואָס די וועלט שטייט. און אָנבײַסנס האָט מען אים געטראָגן אין כיידער אריַין די בעסטע קנישעס מילכיקע,

---

* פערע־אָדעם — א ווילדער מענטש.

מיט וואַרעניקעס אַסאַך! אָט דער מעגושעמדיקער, לעפּעשעוואַטער באָ־כער איז נאָך געווען צו די צאָרעס בא זײַן מאַמען דער נעגידעסטע א ציטעריקער, אַן אײַנגעצייטיקער, האָט זי אים געהאָדעוועט, געשטאָפּט טאָג ווי נאַכט, ווי מע שטאָפּט א גאַנדז, און קעסיידער געקלאָגט זיך, אַז „דאָס קינד עסט גאָרנישט".

— מע באַדאַרף אים אָפּשפּרעכן א גוט־אויג — פלעגט נאָכדעם זאָגן דערויף דער רעבע רעב יאַנקל, געווײנטלעך, הינטער די אויגן.

— א מאַקע דער מאַמען! — פלעגט אים אונטערהעלפן די רעבעצן מיט א ניגון און מאַכן בעשאַסמײַסע אַזאַ פּאָנעם, אַז ס'איז נישט מעגלעך גע־ווען, אַז מע זאָל ניט לאַכן, — אין פּאָלעסיע אַזעלכע קינדערלעך וויקלט מען נאָך, אים זאָל זײַן פאַר מײַנע ביינער!

— נאָך זײַן קאָפּ זאָל איך בלײַבן! — לאָזט אויס נאָך איר דער רעבע און רוקט אים אָן דאָס היטל איבער די אויערן.

דער גאַנצער כיידער לאַכט, און געצל זיצט אָנגעבלאָזן און שווײַגט; ברויגעז איז ער טאַקע, נאָר ער שווײַגט. שווער אַרײַנצוברענגען אים אין קאָפּ; נאָר האָט מען אים אַרײַנגעבראַכט אין קאָפּ — איז נו־נו! א בער, אַז מע צערייצט אים, באַדאַרף נישט זײַן אַזוי מעסוקן, ווי ער; פאַר קאָפּ הייבט ער אָן טאַנצן און בײַסן זיך אַליין מיט די געזונטע ווײַסע ציין אין די הענט אַרײַן, און לאָזט ער אַראָפּ א פּאַטש, קאָן מען אים פּילן, טאַקע האָבן האַנאָע. דאָס האָבן זײַנע כאַווײרים געוווּסט זייער גוט, טאַקע פאַרזוכט אַף זייערע פּלייצעס, און דעריבער מוירע געהאַט פאַר אים ווי פאַרן טויט, נישט געוואָלט האָבן מיט אים קיין שום גע־שעפטן... און ביכדיי מע זאָל זײַן געוואָרנט פון געצלס קלעפּ, האָבן אַלע צען כיידער־ייִנגלעך געמוזט מאַכן אַקעגן אים אײַן האַנט. צען כאַוויי־רים קעגן אײנעם, און אָט אַף אַזאַ אויפן איז געוואָרן בא יאַנקלען אין כיידער צוויי גרופּעס: פון איין זײַט — אַלע טאַלמידים, פון דער אַנדערער זײַט — געצל. די טאַלמידים האָבן געשאַרפט די מויכעס, געצל — דעם קולעק. די טאַלמידים האָבן געלערנט, געצל האָט געפרעסן קנישעס מיט וואַרעניקעס אַסאַך.

2

אײַנמאָל, ס'איז געקומען אונטער א יאָנטעוו, האָבן זיך כעוורע צו־נויפגעקליבן שפּילן אין ניס. די שפּיל אין ניס איז א שפּיל, ווי אַלע

שפּילן, נישט בעסער פוּן דריידל און ניט ערגער פוּן קאָרטן. די שפּיל באַשטייט אין פאַרשיידענע שפּילן: אין „גריבל", אין „באַנק", און אין „יאַרמעלקע", און אויסלאָזן לאָזט זיך אויס די שפּיל, ווי געווייגלעך יעדע שפּיל: איינער פאַרשפּילט, דער אַנדערער געווינט. און ווי אומעטום, איז דער, וואָס געווינט, א כאָכעם, א בעריע, און א ווילער יונג, און דער, וואָס פאַרשפּילט, דער איז א טיפּעש און א בעהיימע און א שלימע־זאַלניק.

האָבן זיך, הייסט עס, כעוורע צונויפגעקליבן אין כיידער. אַלע צען כאַוויירים שפּילן אין ניס, איבערגעקערט א באַנק, אויסגעלייגט א שורע ניס אַף דער ערד און גענומען וואַרפן פוּן דער באַנק אַראָפּ צו דער שורע: ווער עס וועט מער אויסשלאָגן פוּן דער שורע, דער האָט געוווּנען. פּלוצים עפנט זיך די טיר און עס קומט אַריין געצל, מיט פּולע קעשענעס געווייגלעך.

— אָט האָסטו אים! — רופט זיך אָן איינער.

— אָט איז ער דאָ! — מאַכט דער אַנדערער.

— וואָס וועט ער עפּעס זאָגן? — זאָגט דער דריטער.

— דער רוּעך האָט אים געבראַכט צו טראָגן...

— אין וואָס שפּילט איר, אין באַנק? — שפּיל איך אויך מיט אייַך; איך האָב ניס, — אַזוי זאָגט געצל, און באַקומט באַלד אַן ענטפער:

— ניין!

— פאַרוואָס?

— דערפאַר!

— נו, וועל איך אייַך צעשלאָגן די שפּיל!

און נישט לאַנג געטראַכט, גענומען מיט די בערישע פיס און צעשלידערט די שורע ניס איבערן גאַנצן שטוב. האָט דאָך די כעוורע דאָס מיסטאָמע פאַרדראָסן. א האָזע פוּן א יונגאַטש!

— קינדער, וואָס שווייַגט איר אים? — האָט זיך אָנגערופן איינער.

— לאָמיר זיך נעמען צו אים! — רופט זיך אָן נאָך איינער.

— לאָמיר אים דורכבערעכן די ביינער! — זאָגט א דריטער.

— אַנו, פּרוּווט זיך, — מאַכט געצל און פאַרקאַטשעט די אַרבל, גרייט צו דער אַרבעט.

און ס'איז אַרויס א מילכאָמע, א געשלעג צווישן ביידע גרופּעס. פוּן איין זייַט — דער גאַנצער כיידער, פוּן דער אַנדערער זייַט — געצל.

צען איז נישט איינער. זיי האָבן טאקע געפּילט דעם טאַם פון זיינע געזונטע קולעקעס: א צוויי דריַ סימאָנים, בײַלן אין שטערן און לאַמ־טערנעס אונטער די אויגן האָבן טאקע זיי געכאַפּט; דערפאַר האָבן זיי אָבער אויך אים געגעבן צו זען די וועלט מיט זייערע שאַרפע נעגל און מיט די ציין און מיט וואָס נאָר מע האָט געקאָנט, פון פאָרנט און פון הינטן און פון אלע זײַטן, געדראַפּעט, געשטשיפּעט, געפּליקט, געריסן, געביסן — בעקיצער, צען איז נישט איינער, אײַנגענומענע האָבן זיי, און געצל האָט געמוזט נעמען דעם וועג און מאכן פּלייטע*, און ערשט דאָ הייבט זיך אָן די רעכטע מײַסע מיט די ניס.

3

ארויסגעגאנגען אינדרויסן א צעקאָשמעטער, א צעדראַפּעטער, מיט צעריסענע פּלודערן, איז געצל געבליבן שטיין א ווײַלע פאַרטראַכט. נאָכ־דעם האָט ער זיך געגעבן א פּאַטש מיט ביידע הענט איבער די קעשע־נעס און עס האָט זיך געלאָזט הערן א קלינג פון אַסאַך ניס.

— ווילט איר, הייסט עס, מיט מיר ניט שפּילן אין ניס? לאָז זיך מיט אייך שפּילן דער טײַוול! איך דאַרף אייך אַף סעם סאַט קאַפּאָרעס! איך קאָן באַשטיין, מיר זאָלן זיך אליין אינצווייען שפּילן...

אזוי האָט געצל א זאָג געטאָן צו זיך אליין און האָט זיך געלאָזט גיין, ווו די אויגן וועלן אים טראָגן. אָפּגעשטעלט זיך אינמיטן וועג, טוט ער א זאָג צו זיך אליין, גלײַך ווי ער וואָלט דאָ געווען מיט עמעצן זאַלבענאַנד:

— וווהין־זשע, געצל, וועלן מיר גיין, אַשטייגער? — און טאקע באַלד זיך אליין געענטפערט:

— אהין, ווײַט... הינטערן שטאָט, אַפ יענער זײַט מילן, דאָרט איז נישטאָ קיינער... דאָרט וועלן מיר זיך זיין איינע אליין אינצווייען, קיי־נער וועט אונדז ניט שטערן, און לאָז עמעצער פּרוּוון אונדז שטערן, וועלן מיר ברעכן די ביינער, מאכן א טעל...

און געצל, ריידנדיק אזוי מיט זיך אליין, פילט, אז ער איז נישט איינער, נאָר צוויי, איין קויעך פילט ער אין זיך פאַר צוויי! אנו, לאָזן נאָר קומען אהער זיינע כאַוויירים, מאכט ער פון זיי א מאָטשינקע, א האַנטשערקע, א כורבן! און ער האָט דערפון שטאַרק האַנאָע און הערט

* מאכן פּלייטע — אנטלויפן.

נישט אופ צו ריידנ מיט זיכ אליינ, גלײַכ ווי זיי וואָלטנ דאָ געווענ בע־עמעס זאלבענאנד.

— הער נאָר אויס, ביזוואנענ װועלנ מיר, אשטייגער, גיינ? — מאכט ער צו זיכ אליינ אונ ענטפערט זיכ טאקע אינ דערזעלבער רעגע:

— נו, עס ווענדט זיכ אינ דיר.

— טאָמער וואָלטנ מיר זיכ גאָר דאָ צוגעזעצט שפּילנ אינ ניס? הא? וואָס זאָגסטו, געצל?

— טא, בא מיר האָסטו געפּוילט.

אונ געצל זעצט זיכ צו אפ דר־ערד, העט־ווײַט הינטערנ שטאָט אפ יענער זײַט מילנ, ארויסגענומענ אונ איבערגעציילט די ניס, צעטיילט זיי אפ דער האלב, גלײַכ אפ גלײַכ; איינ העלפט ארײַנגעלייגט אינ דער רעכטער קעשענע, די אנדערע העלפט אינ דער לינקער קעשענע, אויס־געטאָנ דאָס היטל אונ ארײַנגעוואָרפנ אהינ פונ דער רעכטער קעשענע עטלעכע ניס אונ א זאָג געטאָנ צו זיכ אליינ:

— זיי מיינענ, אז אָנ זיי קאָנ מענ זיכ גאָרניט באגיינ... הער נאָר אויס, געצל, אינ וואָס פאר א שפּיל שפּילנ מיר?

— איכ ווייס? אינ וואָס פאר א שפּיל דו ווילסט.

— עפשער וועלנ מיר שפּילנ אינ „אומ", צי „גראָד"?

— בא מיר האָסטו געפּוילט.

אונ ער טוט א טרייסל מיט דער יארמעלקע אונ א מאכ:

— אצינד טרעפ: „אומ", צי „גראָד"? נו, רעד ווערטער! — מאכט ער צו זיכ אליינ אונ טוט זיכ א זעצ מיטנ עלנבויגנ אינ זײַט ארײַנ אונ ענטפערט זיכ אליינ:

— „גראָד".

— „גראָד" זאָגסטו? ווי לאנג שמײַסט מענ דיכ! גיב אהער. האָסט פארשפּילט דרײַ ניס.

אונ ער נעמט ארויס פונ דער לינקער קעשענע דרײַ ניס, לייגט זיי איבער אינ דער רעכטער, ווידעראמאָל א טרייסל מיט דער יארמעלקע אונ ווידעראמאָל א פרעג:

— נו, ווײַטער, „אומ", צי „גראָד"?

— „אומ".

— „אומ" זאָגסטו? ווי לאנג קרענקסטו! גיב אהער, דו האָסט פאר־שפּילט פיר ניס!

אונ ער לייגט איבער פונ דער לינקער קעשענע אינ דער רעכטער פיר ניס, טוט א טרייסל מיט דער יארמעלקע אונ א מאכ צו זיכ אליינ:

— נו, עפשער וועסטו איצט טרעפנ? „אומ“, צי „גראָד“?

— „גראָד“.

— „גראָד“ זאָגסטו? ווי לאנג פוילנ די ביינער דײַנע! גיב אהער פינפ ניסלעכ!

— גענוג איכ פארשפיל, שעלסטו זיכ נאָכ?

— ווער איז דיר שולדיק, אז דו ביסט א בעהיימע אונ טרעפסט, ווי א בלינדער אינ גרוב? נו, זאָג שוינ ווײַטער, זאָג: „אומ“, צי „גראָד“? איצט וועסטו שוינ מיסטאמע פעסט טרעפנ.

— „גראָד“.

— „גראָד“? לעבנ זאָלסטו מיר אזוי! גיב אהער, דו פערד איינער, זיבנ ניס, אונ טרעפ נאָכאמאָל: „אומ“, צי „גראָד“?

— „גראָד“.

— ווידעראמאָל „גראָד“? איכ זאָל דיכ אזוי האָבנ פאר א טאטנ! גיב אהער, שלימאזל, נאָכ פינפ ניסלעכ, אונ טרעפ שוינ אצינד, עפשער וועסטו כאָטש איינ מאָל טרעפנ: „אומ“, צי „גראָד“, נו, וואָס שווײַגסטו!

— איכ האָב שוינ ניט קיינ ניס.

— ס'א ליגנ! דו האָסט!

— איכ שווער דיר, אז איכ האָב ניט.

— טו נאָר א זוכ גוט אינ קעשענע אפנ דנאָ! אָט אזוי.

— נישט קיינ סימענ אפילע!

— נישטאָ? פארשפילט אלע ניס? נו? צו וואָס האָט דאָס דיר געטויגט? ביסטו נישט קיינ בעהיימע?

— גענוג האָסט אָפגעווונענ בא מיר אלע ניס, רייצסט דו זיכ נאָכ מיט מיר?

— א מיצווע, זייער רעכט! האָסט געוואָלט בא מיר אָפגעווינענ, האָב איכ בא דיר אָפגעווינענ.

אונ געצל איז העכסט צופרידנ פונ דער מײַסע; מאמעש ער פילט, אז עס קומט אימ צו א שטיק געזונט. ער פילט זיכ איצט בעקויעב אָפגעווינענ בא דער גאנצער וועלט אלע ניס. „ווו נעמט מענ זיי אי־צטער, די כאוויירימ מײַנע פונ כיידער? וואָלט איכ זיכ מיט זיי צערעכנט! איכ וואָלט זיי נישט איבערגעלאָזט קיינ איינציק ניסל אפילע אפ א רעפוע!

זיי וואָלטן זיך אויסציִען בא מיר, א טויט איַינעמען דאָ אפּן אָרט!"...

און געצל ווערט אינקאַס, מאָלע־רעציכע, לייגט צונויף די קולעקעס און קריצט מיט די ציינ און רעדט צו זיך אליינ, גלייך ווי ער וואָלט דאָ בעעמעס געווען זאלבענאנד:

— אנו, פּרוווט איצט זיך אָנהייבן מיט מיר! אצינד בינ איך שוינ ניט אליינ! אצינד זיינען מיר שוינ זאלבענאנד!.. נו, געצל, וואָס ביסטו געבליבן זיצן עפּעס, ווי א גוילעם? לאָמיר נאָך שפּילנ אביסל אינ ניס.

— אינ ניס? ווו האָב איך ניס? איך האָב דאָך דיר געזאָגט, אז איך האָב שוינ ניט קיינ איינציק ניסל אפילע.

— אך! איך האָב גאָר פאַרגעסן, אז דו האָסט שוינ נישט קיינ ניס... ווייסט דו וואָס? איך וועל דיר געבנ אנ אייצע, געצל...

— וואָס?

— געלט האָסטו?

— איך האָב, נו, איז וואָס?

— קויף בא מיר ניס.

— וואָס הייסט איך זאָל בא דיר קויפנ ניס?

— בעהיימע, ווייסט נישט וואָס הייסט קויפנ? גיב מיר געלט, נא דיר ניס. הע!

— נו, גוט, בא מיר האָסטו געפּוילט.

און ער נעמט ארויס פון בײַטעלע א זילבערנע גריוונע, דינגט זיך אויס פאַרנ פּרײַז, ציילט אָפּ א פּאָר צענדליק ניס פון דער רעכטער קעשענע אינ דער לינקער, און די שפּיל הייבט זיך אָנ גאָר איבעראנײַס.

4

א געניטער קאָרטנשפּילער,— דערציילט מענ,— האָט גערופנ א האלבע שאָ פאַרנ טויט זײַנ זונ, אויך א קאָרטנשפּילער, און רופט זיך אָנ צו אים אזוי:

— מײַנ קינד! איך גיי אוועק פון דער וועלט, מיר וועלנ זיך שוינ מער ניט זענ קיינמאָל. איך ווייס, אז דו שפּילסט אינ קאָרטנ, דו האָסט מײַנ קרענק... שפּילנ מעגסטו וויפל דו ווילסט, נאָר אָפּשפּילנ זיך, ווילנ צוריק אָפּגעווינען, זאָל דיך גאָט אָפּהיטן.

דידאָזיקע ווערטער זיינען טײַערע ווערטער. נישטאָ קיינ ערגערע

זאַך אַף דער וועלט, ווי אָפּשפּילן זיך, ווי ווילן צוריק אָפּגעווינען. דאָס טוט אויס — זאָגן געניטע מענטשן — ביז צום לעצטן העמד! דאָס טרײַבט אַרײַן אין דר׳ערד אַרײַן, און מע קאָן שוין נאָך דעם קיין לעבעדיקער ניט אַרויס! אַזוי זאָגט די וועלט און אַזוי איז געווען אויך מיט אונדזער כעוורעמאַן. ער האָט אַזוי לאַנג געאַרבעט מיטן היטל „אום״, צי „גראָד״, געלייגט פֿון איין קעשענע אין דער אַנדערער, ביז די לינקע קעשענע איז געבליבן אָן איין ניסל.

— נו, פֿאַרוואָס שפּילסטו ניט?

— איך האָב שוין ניט מיט וואָס.

— ווידעראַמאָל געבליבן אָן ניס, שלימאַזל?

— דו זאָגסט, איך בין אַ שלימאַזל, און איך זאָג, דו ביסט אַ שולער.

— זאָגסטו נאָכאַמאָל דאָס וואָרט „שולער״, גיב איך דיר איבער די פּיסקעס.

— לאָז דיר גאָט געבן אַזאַ זין!..

געצל בלײַבט זיצן עטלעכע מינוט שטיל, גראַבלט מיט די פֿינגער אין דער ערד, גראָבט אַ גריבל און ברומט שטילערהייט אַ לידל אונ־טער דער נאָז. נאָכדעם טוט ער אַ זאָג:

— סקוטשנע! לאָמיר שפּילן אין ניס.

— ווו האָב איך ניס?

— האָסט נאָך עפּעס געלט? איך וועל דיר פֿאַרקויפֿן נאָך אַ צענדליק.

— געלט? ווו האָב איך געלט? איך האָב שוין נישט אַ גראָשן.

— נישט קיין ניס און נישט קיין געלט? אוי, איך וועל דאָס נישט אויסהאַלטן! כאַ! כאַ! כאַ!

און דער „כאַ־כאַ־כאַ״ צעשיט זיך איבערן גאַנצן פֿעלד, קלינגט זיך אָפּ מיט אַ ווידערקאָל אינעם געדיכטן ווײַטן וואַלד, און געצל קאַטשעט זיך פֿאַר געלעכטער.

— וואָס איז מיט דיר פֿאַר אַ געלעכטער, דו ווערגעלעץ איינער? — מאַכט ער צו זיך אַליין און טאַקע אין דערזעלבער רגע זיך אַליין אָפּ־געענטפֿערט:

— דאָס לאַך איך פֿון דיר, שלימאַזל, גענוג האָסטו מיר פֿאַרשפּילט אַלע ניס, צו וואָס האָט דיר געטויגט נאָך נעמען און פֿאַרשפּילן דאָס

געלט אויך, אזויפיל געלט, דו שויטע בעג פּיקהאָלץ, אוי, איך וועל דאָס ניט אויסהאַלטן! כאַ־כאַ־כאַ!

— האָסט דאָך מיר אַליין אַרופגעפּירט אַפּ דערוף, דו גאַזלען, דו שלעכטער יונג, דו טרייפענער ביין!

— כאָכעם וואָס דו ביסט! אַז איך זאָל דיר זאָגן אָפּשנײַדן די נאָז, דאַרפסטו מיך פאָלגן? דו פערדאַטש איינער! כאַ־כאַ־כאַ...

— ווער כאָטש אַנטשטומט, דו ווערגעלעצל, און לאָם איך דײַן טריי־פענע צורע נישט אָנקוקן!

און ער קערעוועט זיך אוועק פון זיך אַליין, זיצט עטלעכע מינוט אַן אָנגעברויגעזטער, גראַבלט מיט די פינגער די ערד, פאַרשיט דאָס אויס־געגראָבענע גריבל און זינגט שטילערהייט אַ לידעלע אונטער דער נאָז.

5

— ווייסט וואָס איך וועל דיר זאָגן, געצל? — רופט ער זיך אָן צו זיך אַליין אין עטלעכע מינוט אַרום, — לאָמיר זיך שוין איבערבעטן, לאָ־מיר ווערן פאַוער. גאָט האָט מיר געהאָלפן, ס׳האָט מיר אַזוי געגליקט, איך האָב געוווּנען, קיינענאָרע, אַזויפיל ניס, פאַרוואָס זאָלן מיר זיך נישט פאַרגינען צעקנאַקן עטלעכע ניסלעך? זיי באַדאַרפן זײַן, מיין איך, ניט שלעכט? הא? ווי מיינסטו, געצל? — יאָ, איך מיין אויך אַזוי, זיי באַדאַרפן זײַן ניט שלעכט — ענטפערט ער זיך אַליין, און כאַפּט אַרײַן אין מויל איין ניסל, דאָס אַנדערע ניסל, דאָס דריטע ניסל, טוט אַלעמאָל אַ זעץ מיט דער האַנט איבער די ציין, דאָס ניסל טוט אַ טרישטשע, נעמט אַרויס אַ פעטן יאָדער, רייניקט אים אַרום, וואַרפט אים אַריין אין מויל, און קײַט מיט די גרויסע ווײַסע ציין געשמאַק, כראָמקעט, ווי אַ פערד האָבער, און רופט זיך אָן:

— ביסט עפּשער אויך אַ באַלן, געצל, אַפּ אַ יאָדער פון אַ ניסל? שעם דיך ניט, זאָג!

— יאָ, פאַרוואָס ניט?

אַזוי ענטפערט ער זיך אַליין, ציט אויס די לינקע האַנט, נאָר טאַקע באַלד טוט ער זי אַ פּאַטש מיט דער רעכטער:

— און אַ מאַקע ווילסטו נישט?

— לאָז דיר זײַן אַ מאַקע!

— לאָז דיר זײַן צוויי!

אונ ער הערט נישט אופ צו קנאקנ ניסלעכ אונ קײַענ די פעטע יאָדערנ, כראָמקענ, ווי א פערד האָבער. ס׳איז אימ קארג, וואָס ער פרעסט אונ יענער זיצט אונ קוקט, רופט ער זיכ אָנ צו אימ:

— הער נאָר, געצל, וואָס איכ וועל דיר פרעגנ: ווי אזוי איז דיר, לעמאָשל, בעשאסמײַסע, אז איכ עס אונ דו קוקסט?

— ווי אזוי מיר איז? אזא יאָר אפ דיר!

— ע, ביסט, אפאָנעמ, אינקאס? נא־זשע דיר א יאָדער פונ א ניסל.

אונ געצלס רעכטע האנט גיט דער לינקער האנט א יאָדער פונ א ניסל, וויל די לינקע האנט נעמענ דעמ יאָדער פונ ניסל, גיט אימ די רעכטע האנט א פײַג... נעמט די לינקע האנט אונ טוט א פאטש די רעכטע האנט; נעמט די רעכטע האנט אונ טוט א פאטש דער לינקער האנט; גייט די לינקע האנט אונ דערלאנגט א טראסק אינ דער .רעכטער באק; גייט די רעכטע האנט אונ שטעקט אָפּ דער לינקער באק צוויי פעטש; כאפט אָנ די לינקע האנט בא דער רעכטער לאצ, נעמט די רעכטע האנט אונ רײַסט אָפּ די לינקע לאצ פונ אויבנ ביז אראָפּ; גייט די לינקע האנט אונ כאפט זיכ אָנ בא דער רעכטער פייע, נעמט די רעכטע האנט אונ פארפאָרט אינ רעכטנ אויער.

— לאָז די פייע אָפּ, געצי, פאָלג מיכ, לאָז אָפּ די פייע!

— לאָז אָפּ דעמ אויער, וועל איכ דיר אָפּלאָזנ די פייע!

— א מאקע!

— נו, בלײַבסטו אָנ א פייע, געצי!

— בלײַבסטו, ווערגעלעצ, אָנ אנ אויער!

— אײַ!

— אײַ־איי!!

. . . .

עפּילאָג

עטלעכע מינוט האָט זיך אזוי געקאטשעט אפ דער ערד אונדזער געצל. אָט איז ער געלעגן פונויבן מיט דער רעכטער זײַט, אָט איז ער געלעגן פונויבן מיט דער לינקער זײַט, צוגעהאלטן מיט ביידע הענט די קעשענעס מיט ניס... א מינוט האָט געזיגט ווערגעלעצל, א מינוט האָט געזיגט געצל, ביז ער האָט זיך אופגעכאפּט פונ דער ערד אן אײַנגעקאַטשעטער אינ בלאָטע, ווי א כאזער, א צעפליקטער, מיט א צעבלוטיקטן אויער, מיט אנ אונטערגעריסענער פּייע, ארויסגעכאפּט אלע ניס פונ קעשענע און פארוואָרפן זיי אינ בלאָטע ארײַנ, העט־ווײַט ביז אפ יענער זײַט מיל, און צוגעבבורמט מיט קאס:

— אָט אזוי!..

נישט מיר, נישט דיר!..

דריַ קעפּלעך

1

א פּעַנ פון א שרײַבער זאָל זײַנ א פּענזל פון א מאָלער, וואָלט איך אײַך צוגעטראָגנ א מאטאָנע א בילד לעקאָוועד שוועס * א זעלטענע גרופּע פון דריַ יונגע שיינע, פּרעכטיקע קעפּלעך פון דריַ אָרעמע, נאָקעטע, באָרוועסע ייִדישע קינדער. אלע דריַ קעפּלעך זיינענ שווארצ, די הערעלעך געגרײַזלט, די אויגעלעך גרויסע, גלאנצנדיקע, ברענענדיקע, אונ גלײַך ווי פאַרוווּנדערט קוקנ זיי אפּ אײַך אונ פרעגנ בא דער וועלט א פראגע: אלעמיַ? איר קוקט אפּ זיי אונ איר באוווּנדערט זיי אונ איר פילט זיך קעגנ זיי ווי פאַרזינדיקט, גלײַך ווי איר זײַט טאקע שולדיק אינ דעמ, וואָס מע האָט זיי באשאפנ — באשאפנ נאָך דריַ איבעריקע נעפאשעס אפּ דער וועלט!..

די דריַ שיינע קעפּלעך — אבראמטשיק, מאָיסייטשיק אונ דווירקע — זיינענ צוויי ברידער מיט א קליינ שוועסטערל. אבראמטשיק אונ מאָיסייטשיק — דאָס האָט זיי דער פאָטער, פּייסי דער אײַנבינדער, אזוי פאַרצויגנ, אפנ רוסישנ שטייגער. ער זאָל זיך ניט שעמענ פאַר זײַנ ווײַב פּעסי אונ ער זאָל ניט זײַנ אזא ביטערער אָרעמאנ, וואָלט ער זיך אליינ אויך איבערגעמאכט דעמ נאָמענ פונ „פּייסי דער אײַנבינדער" אפּ „פּעטי פּערעפּליאָטשיק", נאָר אזויווי ער האָט אביסל מוירע פאַר זײַנ ווײַב פּעסי אונ אזויווי ער איז, נישט דאָ גערעכט, א גרויסער עוויענ **, איז ער דער-

* שוועס — א ייִדישער רעליגיעזער יאָנטעוו. פאלט אויס אומ פרילינג.

** עוויענ — אָרעמאנ.

ווײַל פֿאַרבליבן באַם אַלטן נאָמען „פֿײַסי דער אײַנבינדער", ביז ס'וועט קומען אַמאָל די גוטע צײַט, יענע גליקלעכע צײַט, ווען עס וועט אַלץ־דינג ווערן אַנדערש, אַזויווי בעבל זאָגט, און אַזוי ווי קאַרל מאַרקס זאָגט, און אַזוי ווי אַלע גוטע און קלוגע לײַט זאָגן — דעמלט, אָ דע־מלט וועט אַלצדינג אַנדערש ווערן!.. נאָר ביז די גוטע גליקלעכע צײַט וועט אַמאָל קומען, מוז מען דערווײַל שטײן פֿון קאַיאָר ביז שפּעט אײַנ־דערנאַכט און שנײַדן קאַרטאָן־פּאַפּיר, און קלעפּן קעסטעלעך, שאַכטעלעך... און פֿײַסי דער אײַנבינדער שטײט דעם גאַנצן טאָג אַף די פֿיס און שנײַדט קאַרטאָן־פּאַפּיר און קלעפּט שאַכטלעך, און זינגט בעײס־מײַסע אַלטע און נײַע ייִדישע און נישט־ייִדישע לידעלעך, צום מײַנסטנס פֿרײלעך־טרויעריקע מיט אַ פֿרײלעך־טרויעריקן ניגן.

2

אַלע דרײַ — אַבראַמטשיק, מאָיסײטשיק און דווירקע — זײַנען געבוירן און געוואַקסן אַלע אַף אײן אָרט — צווישן וואַנט און צווישן אויוון, אַלע דרײַ זעען פֿאַר זיך אַלע טאָג אײנס־און דאָסזעלבע: דעם פֿרײלעכן טאַטן, וואָס שנײַדט קאַרטאָן, קלעפּט שאַכטלעך און זינגט ניגונים, און די פֿאַרזאָרגטע אויסגעטריקנטע מאַמע, וואָס קאָכט און באַקט, קערט און ראָמט, און איז קײנמאָל ניט פֿאַרטיק. בײדע זײַנען זײ שטענדיק אין דער אַרבעט: די מאַמע באַם אויוון, דער טאַטע בײַ די שאַכטלעך. אַף וואָס דאַרף מען אַזויפֿיל שאַכטלעך? וועמער דאַרף עס אַזויפֿיל שאַכטלעך? אַפֿאָ־נעם, אַז די גאַנצע וועלט איז פֿול מיט שאַכטלעך!.. אַזוי טראַכטן די דרײַ שײנע קעפּלעך און קוקן שוין אַרויס, אַז באַם טאַטן זאָלן זיך שוין אָנקלויבן אַסאַך, אַסאַך שאַכטלעך, און ער זאָל זײ נעמען אַלע אַפֿן קאָפּ און אין בײדע הענט — עפּשער טויזנט שאַכטלעך — און זאָל מיט זײ אַרויסגײן אין מאַרק אַרײַן און קומען צוריק אָן שאַכטלעך, נאָר מיט געלט פֿאַר דער מאַמען און מיט בולקעלעך, בײגעלעך אָדער צוקערקעס פֿאַר די קינדער... אַ גוטער, אוי, אַ גוטער טאַטע באַ זײ, אַ גאָלד! די מאַמע איז אויך אַ גוטע, נאָר אַ בײזע. מע כאַפּט פֿון איר אָפֿט אַ זעץ, אַ שטורך אין זײַט, אַ דרײ פֿאַר די אויערן. זי האָט פֿײַנט, אַז מע מאַכט איר אָן אַן „עקדעש", זי וויל נישט, אַז די קינדער זאָלן זיך שפּילן אין „טאַטע־מאַמע"; זי וויל נישט, אַז אַבראַמטשיק זאָל שנײַדן די אָראָפּגעפּאַ־לענע שטיקלעך קאַרטאָן, אַז מאָיסײטשיק זאָל גאַנווענען פּאַפּ באַם טאַטן,

אלע דרײַ קעפּלעך שפּאַרן זיך צום שטיקל פֿענצטער ...

און אז דווירקע זאָל באַקן בּרויט פון זאַמד מיט וואַסער... די מאַמע וויל, אַז די קינדער זאָלן זיצן שטיל, סטאַטעטשנע; די מאַמע ווייסט נישט, אַפּאַנעמ, אַז יונגע קעפּלעך אַרבּעטן, אַז יונגע נעשאַמעס רייסן זיך, רייסן זיך, רייסן זיך — וווּהין?.. אינדרויסן! צו דער ליכט! צום פענצטער! צום פענצטער!

3

סאַכאַקל איין פענצטער, איין שטיקל פענצטער, אַלע דריי קעפּלעך שלאָגן זיך פאַרן שטיקל פענצטער, און וואָס זעט מען דאָרט? — אַ וואַנט, אַ הויכע, אַ בּרייטע, אַ גרויע, אַ נאַסע וואַנט. שטענדיק, אייבּיק איז זי נאַס, אַפילע זומער!.. קומט אַמאָל אַהער די זון? געוויס קומט אַמאָל אַהער די זון. דאָס הייסט, נישט די זון אַליין, נאָר אַ שײַן פון דער זון און דעמלט איז אַ יאָנטעוו. אַלע דריי שיינע קעפּלעך שפּאַרן זיך צום שטיקל פענצטער, קוקן אַרויף גאַנצ אויבּן און זעען אַ לאַנגן, שמאָלן בּלויען פּאַס, ווי אַ לאַנגע בּלויע סטענגע.

— אָ! זעט איר, קינדער? אָט דאָס איז הימל!

אַזוי זאָגט אַבּראַמטשיק. אַבּראַמטשיק ווייסט. אַבּראַמטשיק גייט אין כיידער. ער לערנט שוין אַלעפּבּייס. דער כיידער איז טאַקע דאָ נישט ווײַט, די צווייטע שטוב, דאָס הייסט, די צווייטע טיר. אַכ! וואָס אַבּראַמ־טשיק דערציילט זיך אָן פאַר כידושימ פונעמ כיידער! אַבּראַמטשיק דער־ציילט, אַז ער האָט אַליין געזען, ער זאָל אַזוי זען אַלדעסגוטס, אַ גרויסן מויער פון סאַמע פענצטער פון אויבּן בּיז אַראָפּ. אַבּראַמטשיק שווערט, אַז ער האָט אַליין געזען, ער זאָל אַזוי זען אַלדעסגוטס, אַ קוימען, אַ הויכן קוימען, און פונעמ קוימען גייט אַ רויכ... אַבּראַמטשיק דערציילט, אַז ער האָט אַליין געזען, ער זאָל אַזוי זען אַלדעסגוטס, אַ מאַשינע, וואָס מע גייט אַפ איר אָן הענט... אַבּראַמטשיק דערציילט, אַז ער האָט אַליין גע־זען, ער זאָל אַזוי זען אַלדעסגוטס, אַ וואַגן, וואָס פאָרט אָן פערד... און נאָכ אַזעלכע וווּנדערלעכע זאַכן דערציילט זיי אַבּראַמטשיק פונעמ כיי־דער, און שווערט זיך, ווי די מאַמע שווערט זיך — ער זאָל אַזוי זען אַלדעסגוטס... און מאָיסייטשיק און דווירקע הערן אים און זיפצן און זיינען אים מעקאַנע, וואָס אַלצדינג ווייסט אַבּראַמטשיק, אַלצדינג!

לעמאָשל, אַבּראַמטשיק ווייסט, אַז אַ בּוים וואַקסט. עמעס, ער אַליין האָט נאָכ, גלייכ מיט זיי, קיינמאָל ניט געזען, ווי אַזוי עס וואַקסט אַ בּוים.

נישטאָ קיין ביימער אפ דער גאס. נישטאָ! ער ווייסט אָבער (אין כיידער האָט ער עס געהערט), אַז אפ א בוים וואקסן פרוכטן. אבראמטשיק ווייסט (וואָס ווייסט ער דען נישט?), אַז קארטאָפלעס, לעמאָשל, אָדער אוגער־קעס, אָדער ציבעלעס, אָדער קנאָבל וואקסן אפ דער ערד. — אלצדינג ווייסט אבראמטשיק! ער ווייסט נאָר נישט, ווו און ווי אזוי דאָס וואקסט, וואָרום ער האָט דאָס נאָך קיינמאָל, גלייך מיט זיי, ניט געזען. וואָרום אפ זייער גאס איז נישטאָ קיין פעלד, נישטאָ קיין גאָרטנ, נישטאָ קיין ביי־מער, נישטאָ קיין גרעזל, — נישטאָ! נישטאָ! אפ זייער גאס זיינען דאָ גרויסע מויערנ, גרויסע ווענט, הויכע קוימענס, וואָס סע גייט פונ זיי א רויך, און פענצטערלעך אסאך אינ יענעם גרויסנ מויער, טויזנטער, טויזנ־טער פענצטערלעך, און מאשינעס, וואָס נייען אָנ הענט, וואָגנס, וואָס פאָרנ אָנ פערד, — און ווייטער גאָרנישט־גאָרנישט!

אפילע א פייגעלע זעט מענ דאָ זעלטנ. עס פארבלאָנדזעט אמאָל אהער א וואָראָבייטשיק, איז ער גרוי אזויווי די גרויע וואנט. פיק־פיק די גרויע שטיינער, הייבט זיך אופ און פליט אוועק... פונ אויפעס זעענ זיי אמאָל אפ שאבעס א פערטל אָפ מיט א בלאס־אויסגעצויגנ פיסל. וויפל פיסלעך האָט אנ אָפ? — זעלבסטפארשטענדלעך, פיר, עלעי א פערד! — אזוי פאסקנט דער עלטערער אבראמטשיק, און אבראמטשיק ווייסט דאָך אלצ!.. אמאָל ברענגט די מאמע פונעם מארק א קעפל פונ אנ אָפ מיט ארופ־געגלאָצטע אויגעלעך איבערגעצויגנ מיט א דינ־ווייס הייטל... „ס׳איז טויט״ — זאָגט דער עלטערער אבראמטשיק, און אלע דריי קעפלעך קוקנ איינס אפנ אנדערנ מיט גרויסע שווארצע אויגנ און זיפצנ...

געבוירנ און אופגעצויגנ געוואָרנ אינ דער גרויסער שטאָט, אינעם גרויסנ מויער, אינ גרויסער ענגשאפט, עלנט און אָרעמקייט, האָבנ אלע דריי קינדער קיינמאָל נאָך נישט געהאט קיין געלעגנהייט צו זענ פאר זיך לעבעדיקערהייט נישט קיין אָפ, נישט קיין כאיע, נישט קיין בעהיימע, אויסער א קאָצ. א קאצ האָבנ זיי אנ אייגענע, א לעבעדיקע, א גרויסע קאָצ, גרוי, ווי די גרויסע, גרויע, נאסע וואנט... די קאצ איז זייער גאנצ פארגעניגנ. מיט דער קאצ שפילנ זיי זיך שוינ לאנג, טוענ א־ר אָנ א פאטשיילע אפנ קאָפ, און לאכנ, לאכנ, לאכנ אָנ א שיר! דערזעט די מאמע און טיילט זיי איינ: שענקט זיי — דעם א זעצ, דעם א שטורכ אינ זייט, דעם א דריי באמ אויער. די קינדער צעגייענ זיך אפ זייערע ערטער, הינטערנ אויוונ. דער עלטערער, אבראמטשיק, דערציילט עפעס, און די

קלענערע, מאָיסייטשיק און דווירקע, האָרכן, קוקן אַף זייער עלטערן ברודערל מיט גרויסע אויגן און הערן. אבראַמטשיק זאָגט, אַז די מאַמע איז גערעכט. אבראַמטשיק זאָגט, אַז מיט אַ קאַץ טאָר מען זיך ניט שפּילן, ווײַל אַ קאַץ איז אַן אומרײַנע זאַך און אַ מאַזיק. אַלצדינג ווייסט אבראַמטשיק, אַלצדינג! ס׳איז דען דאָ אַ זאַך אַף דער וועלט, וואָס אבראַמטשיק זאָל ניט וויסן?

4

אַלצדינג ווייסט אבראַמטשיק, אַלצדינג ווייסט ער! אַפילע וואָס אַפן הימל טוט זיך. אבראַמטשיק שווערט, אַז צוויי מאָל אין יאָר אָפּדערנאַכט שפּאַלט זיך דער הימל. עמעס, ער אַליין האָט נאָך קיינמאָל נישט געזען, ווי דער הימל שפּאַלט זיך, ווײַל ס׳איז נישטאָ בײַ זיי קיין הימל, דערפאַר אָבער האָבן זײַנע כאַווײרים געזען. זיי שווערן, אַז זיי האָבן אַליין געזען, זיי זאָלן אַזוי זען אַלדעסגוטס. זיי וועלן דאָך ניט שווערן אַף אַ ליגן. ווי טאָר מען שווערן אַף אַ ליגן? אַן אוויירע, וואָס בײַ זיי אַף דער גאַס איז נישטאָ קיין הימל. ס׳איז דאָ אַ לאַנגער, שמאָלער, בלויער פּאַס, ווי אַ לאַנגע, שמאָלע בלאָע סטענגע. וואָס קאָן מען אין אַזאַ שטיקל הימל זען, אַכוץ צוויי-דרײַ קלײַנע שטערנדלעך מיט אַן אָפּשײַן פון דער לעוואָנע?..

און ביכדיי צו איבערצײַגן זײַן ייִנגערן ברודער מאָיסייטשיק און זײַן קלײַן שוועסטערל דווירקע, אַז ס׳שפּאַלט זיך דער הימל, גייט אבראַמטשיק צו צו דער מאַמע, שלעפּט זי פאַרן קליידל:

— מאַמע! איאָ, הײַנט, שוועס, אַרום האַלבע נאַכט שפּאַלט זיך דער הימל?

— דעם קאָפּ וועל איך דיר שפּאַלטן!

געכאַפּט אַ מיִעסן פּסאַק פון דער מאַמע, וואַרט אבראַמטשיק אַפן טאַטן. דער טאַטע איז אַוועק אין מאַרק מיט אַ גאַנצן אויצער שאַכטלעך.

— קינדער! אַנו, טרעפט, וואָס וועט הײַנט דער טאַטע ברענגען אַ מאַטאָנע פונעם מאַרק?

אַזוי זאָגט אבראַמטשיק, און די „קינדער" הייבן אָן „טרעפן", וואָס וועט דער טאַטע ברענגען זיי אַ מאַטאָנע פונעם מאַרק. זיי רעכענען אויס אַף די פינגער אַלצדינג, וואָס ס׳איז דאָ אין מאַרק, אַלצדינג, וואָס אַ מענטשנס אויג קאָן זען און וואָס אַ מענטשנס האַרץ קאָן גלוסטן: בולקעלעך, בייגעלעך און צוקערקעס — און קיינער האָט ניט געטראָפן.

און איר ווייסט, האָב איך מוירע, אויך נישט טרעפן. פּייסי דער אײַנבײַ־דער האָט געבראַכט צו טראָגן איצטיקס מאָל נישט קיין בולקעלעך, נישט קיין בייגעלעך, נישט קיין צוקערקעס. — גראָז האָט ער געבראַכט צו טראָגן; אַזאַ פּאַק מיט גראָז, מאָדנע, לאַנגע, גרינע, שמעקנדיקע גראָזן.

און אַלע דרײַ שיינע קעפּלעך — אַבראַמטשיק, מאָיסײַטשיק און דווירקע — האָבן אַרומגערינגלט דעם פּאָטער:

— טאַטע! וואָס איז דאָס, אָט דאָס אָ?

— דאָס איז גרינס.

— וואָס הייסט גרינס?

— גרינס אויף יאָנטעוו. אויף יאָנטעוו דאַרף מען גרינס.

— ווו נעמט מען דאָס, טאַטע?

— ווו מע נעמט עס? המ... אין מאַרק קויפט מען דאָס, אין מאַרק..

אַזוי זאָגט דער טאַטע, און ער צעוואַרפט דאָס גרינע שמעקנדיקע גראָז איבער דער נאָרוואָס אויסגעקערטער שטוב און ער קוועלט, וואָס ס'איז גרין און ס'שמעקט, און ער זאָגט צו דער מאַמען פריילעך, ווי זיין שטייגער איז:

— פּעסי, אַ גוט־יאָנטעוו דיר!

— מאַזלטאָוו — אַ נײַער עקדעש! זיי וועלן שוין האָבן וואָס צו מיסטיקן!..

אַזוי ענטפערט אים די מאַמע נישט צופרידן, ווי אַלעמאָל, און שענקט, ווי אַלע מאָל, די קינדער — דעם אַ זעץ, דעם אַ שטורך אין אַ זײַט, דעם אַ דריי באַם אויער. אַ מאָדנע מאַמע באַ זיי! קיינמאָל איז זי נישט צו־פרידן, שטענדיק פאַרומערט, שטענדיק פאַרזאָרגט, פּונקט דער הייפּעך פּונעם טאַטן!

און די דרײַ שיינע קעפּלעך קוקן אויף דער מאַמען, קוקן אויפן טאַטן, קוקן איינס אויפן אַנדערן. און אַז טאַטע־מאַמע קערן אָפּ אַ ווײַלע אויף אַ זײַט, טוען זיי זיך אַ וואָרף אַלע דרײַ אויף דער ערד, פאַלן צו מיטן פּאָ־נעם צום שמעקנדיקן גראָז, וואָס מע רופט דאָס גרינס, און וואָס מע דאַרף דאָס אויף יאָנטעוו און וואָס מע קויפט דאָס אין מאַרק...

אַלצדינג איז דאָ אין מאַרק, אַפילע גרינס. אַלצדינג קויפט דער טאַטע, אַפילע גרינס!..

מעסושעלעכ

1

מעסושעלעכ*— אזוי האָט מענ אימ א נאָמענ געגעבנ אינ קאסרילעווקע דערפאר, וואָס ער איז געווענ אָנגעשטאָפּט מיט יאָרנ, ניט געהאט שוינ איינ צאָנ אינ מויל, א כוצ צוויי־דריי פּענקעס, וואָס מיט זיי פלעגט ער קאמ מיט צאָרעס קייענ— אבי ס׳איז נאָר געווענ וואָס. א הויכער, א מאָגערער, מיט אנ אָפּגעבארעטער פּעל, מיט א צעהארגעטנ רוקנ, קאליע אויגנ, אפ איינעמ א בעלמע, דאָס אנדערע רויטלעכ, אויסגעקנעכלטע פיס, שפּיציקע קלובעס, איינגעפאלענע זייטנ, די אונטערשטע ליפ אביסל אראפּגעלאָזט, ווי פארווײנט, דער ווײדל אנ אויסגעפליקטער,— אָט האָט איר זײנ פּאָרטרעט. און גערעכנט האָט ער אפ די עלטערע יאָרנ אינ קאסרילעווקע, בא קאסריִעל דעמ וואסערפירער, באמ פעסל פאר א פערדל.

פונ דער נאטור איז מעסושעלעכ געווענ א רויִקער, א האָרעפּאשנער, נאָר אנ אויסגעהאָרעוועטער, נעבעכ.

אָנגעטיאָפּקעט זיכ דעמ גאנצנ טאָג אינ דער קאסרילעווקער לײמיקער בלאָטע און פארזאָרגט די שטאָט אפ א גאנצנ מעסלעס מיט וואסער, איז ער געווענ צופרידנ, אז מע האָט אימ אויסגעשפאנט פונעמ פעסל, אונטערגעוואָרפנ אביסל שטרוי און פארביסנ מיט א פּאָמעניצע, וואָס קאסריִעלעכע האָט אימ אונטערגעטראָגנ מיט אזא פּאָנעמ, ווי מע טראָגט,

---

* מעסושעלעכ — א נאָמענ פונ איינעמ, וואָס, לויט דער לעגענדע, האָט ער געלעבט לענגער פונ אלע מענטשנ אפ דער וועלט — ניינ הונדערט ניינ און זעכציק יאָר.

אשטייגער, אונטער זייער אָנגעלייגטן גאַסט א פּאַלומיסעק מיט פּיש אָדער א שיסל מיט וואַרעניקעס.

אַפן דערדאָזיקער פּאַמעניצע פלעגט מעסושעלעך אַרויסקוקן ווי אַפן עפּעס רעכטס, מאַכמעס דאָרטן האָט זיך געפונען אַלעמאָל אַן אויסגעווייקט שטיקל ברויט, קאַשע אַביסל, און נאָך אַזעלכע ווייכע זאַכן, וואָס מע פאַרשפּאָרט צו זיי ציין.

דעם גאַנצן טאָג האָט קאַסריִעלעכע געזאַמלט פון מעסושעלעכס וועגן, געוואָרפן אין פּאַמעניצע אַריַין, וואָס ס׳איז איר געקומען אין די הענט אַריין, — לאָז דאָס פערדל, נעבעך, האָבן וואָס צו עסן, און מעסושעלעך, אַז ער האָט איבערגעביסן, האָט ער זיך אויסגעדרייט מיטן פּאָנעם צום פּעסל און מיטן הינטן, זייט מויכל, צו דער קאַסריִעלעכער, ווי איינער רעדט: „א דאַנק אייך פאַר איַיער זאַלץ און ברויט“... בעשאַסמיַיסע אַראָפּגעלאָזט די אונטערשטע ליפּ נאָך נידעריקער, דאָס זעענדיקע אייגל צוגעמאַכט און אַריַינגעלאָזט זיך אין טיפע פערדישע געדאַנקען.

2

מיינט ניט פונדעסטוועגן, אַז אַלעמאָל, זינט מעסושעלעך איז א פערד, איז ער געווען אַזוי, ווי ער ווערט דאָ אויסגעמאָלט. אַמאָל, אין די יונגע יאָרן, בעשאַס ער איז נאָך געווען א לאָשעקל און נאָכגעלאָפן דער מאַמען נאָכן וואָגן, האָט ער זיך געשניטן גאָר אַפּ א גוט פערדל. מעוויינים האָבן אַפּ אים געזאָגט, אַז עס וועט פון אים אויסוואַקסן א פערדל גאָר אַפּ כידושים. „אָט וועט איר זען, — האָבן זיי געזאָגט, — ער וועט נאָך גיין אַמאָל געשפּאַנט אין א קאַרעטע מיט די שענסטע, מיט די בעסטע פערד!“

אַז דאָס לאָשעקל איז אויסגעוואַקסן און געוואָרן א פערדל, האָט מען דעם אָנגעטאָן א צאַמל און אַרויסגעפירט אַפן יאַריד, אָוועקגעשטעלט צווישן א מאַסע פערד, דורכגעטריבן אים א מאָל פּופּציק הין און צוריק, געקוקט אים אַלע מינוט אין די ציין אַריַין, אופגעהויבן די פיס און באַטראַכט די קאָפּעטעס, — און איבערגעגעבן אים פון איינעם צום אַנדערן.

פון דעמלט אָן הייבט זיך אָן פאַר אים א לאַנג וואַנדערניש, א וואָגלען פון איין אָרט אַפן אַנדערן, א בײַטעניש פון איין באַלעבאָס צום אַנדערן, א שלעפּן פון גרויסע שווערע וואָגנס מיט דריַיסיק פּוד

מאסע, און טיאָפּקען ביזן בויך אין דער בלאָטע, און אָן אַן עק בײַטשן, שטעקנס, מיט קלעפּ אין זײַט אַרײַן, אין קאָפּ, אין די פיס און אין אַנדערע ערטער.

3

א שטיק צײַט איז ער געגאַנגען אין דישל בא א פּאָטשטאָוון וואָגן אונטערן גלאָק, וואָס האָט אים ניט אויפגעהערט צו קלינגען אין די אויערן אַרײַן גלינ־גלינ־גלאָן! גלינ־גלינ־גלאָן! — און געלאָפן מעשוגענערווײַז הין און צוריק אַלץ אַף איין טראַקט. נאָכדעם איז ער אַריבער צו א באַלעגופ, וואָס האָט געאַרבעט מיט אים די סאַמע שווערסטע אַרבעט: געאַקערט און געזייט, געפירט א מוירעדיקן וואָגן מיט טווע, א פאַס וואַסער, א וואָגן מיט מיסט, פּערדנקויט און קיענקויט און דעסגלייכן, אַזעלכע גראָבע אַרבעט, צו וועלכע ער איז גאָרניט געוווינט געוואָרן. פונדאָרטן איז ער אַרײַנגעפאַלן צו א ציגײַנער אין די הענט אַרײַן; האָט מיט אים דער ציגײַנער געמאַכט אַזעלכע זאַכן, מיעסע שטיק צום לויפן, וואָס ער וועט זיי ניט פאַרגעסן וויל ער וועט לעבן!.. פונעם ציגײַנער איז ער אַריבער אין טאַבון אַרײַן מיט נאָך אַסאַך פערד, און פונדאָרטן איז ער אין א קורצער צייט אַרום אָנגעקומען קיין מאַזעפּעווקע צו א באַלעגאָלע מיט א שווערן וואָגן, געקאָוועט אין אײַזן, מיט אַסאַך גלעקלעך און מיט מעשונע־מאָדנער צעשמידערטער סוקע, וואָס מע רופט דאָס „בויד“. דאָ, באַם באַלעגאָלע מיט דער בויד, האָט ער געכאַפּט בײַטשן און שטעקנס אָן א שיר, גלייך ווי א פערדישע פעל איז פון לעדער — ניט פון בלוט און פלייש, גלייך ווי פערדישע זײַטן זיינען פון אײַזן — ניט פון ביינער. וויי־ווי, וויפל מאָל פלעגט זיך מאַכן, אַז קאַם־קאַם וואָס ער פלאָנטערט מיט די פיס, פּילט, ווי אַפּצווענגעס ציען אים פאַר די ליטקעס, און אין בויך א שווערע מאַסע, עפּעס ווי א קנויל — און ער, דער אַכזאָרישער באַלעגאָלע, — „נאָ“־און „וויאָ“, און א שמיץ מיט דער בײַטש, און א זעץ מיט דער פוזשעלע, — טאָמער ווייסט איר וואָס?

א שטיקל גליק כאָטש, וואָס בא דעם באַלעגאָלע איז אײַנגעפירט איין טאָג אין דער וואָך אַזעלכער, וואָס מע שטייט אַף איין אָרט, מע שטייט און מע קײַט און טאָן טוט מען גאָרנישט. מעסושעלעך פלעגט ניט איינמאָל פאַרקלערן זיך; זיין פערדישער מויעך האָט ניט געקענט באַנעמען: וואָס איז דער סייכל פונעם דאָזיקן טאָג, וואָס מע רירט זיך ניט פונעם

אָרט? און פאַרוואָס זאָל ניט זײַן אַזוי קעסײדער? — פלעגט ער זיך טראַכטן, אופשטעלנ די אויערנ, צומאַכנ איינ אייגל און קוקנ אפ זײַנע צוויי כאַווײרים, וואָס זײַנען געשטאַנען מיט אים צוגעבונדנ צו זײַנ בויד.

4

פונעם באַלעגאָלע מיטנ בײַדל איז ער אַרײַנגעקומענ אינ א דרעש־מאַשינ. געאַרבעט מוירעדיק שווער, זיך געדרייט גאַנצע טעג אַרום א ראָד, זיך אָנגעגעסנ גוט מיט שטויב און מיט פּאָלאָווע, וואָס איז אים געקראָכנ אינ נאָז אַריינ, און פאַרדולט געוואָרנ פונעם טראַכ־טאַראַראַכ. „וואָס וועט זיינ פונעם דרייענ זיך? — פלעגט ער זיך ניט איינמאָל טראַכטנ און וועלנ אָפּשטעלנ זיך אפ א מינוט. — ווער האָט דאָס אויסגעקלערט דעם סייכל פונ דרייענ זיך אפ איינ אָרט?“... מע האָט אים אָבער לאַנג ניט געלאָזט טראַכטנ; פונהינטנ איז געשטאַנענ איינער מיט א בײַטש און ניט אופגעהערט צו הוקענ אפ אים: הו־הי! הו־הי!.. „ווילדער מענטש איינער — טראַכט ער זיך און כאַפּט א קוק פונ א זײַט אפ יענעם, וואָס מיט דער בײַטש, — איך וואָלט א באַלנ געוועזנ זענ, מע זאָל דיך אײַנשפּאַנענ אָט־אָ־דאָ אינ דער ראָד און אונטערשמײַסנ דיך, דו זאָלסט זיך דרייענ אָנ א שום טאָלק!“

סע פאַרשטייט זיך, אז פונ אַזא מינ דרייענ זיך אינ שטענדיקנ שטויב איז ער אַרויס, נעבעך, א קאַליקע, אפ איינ אויג א בעלמע, דאָס אַנדערע אביסל רויטלעך, און אפ די פיס איז ער אויך געוואָרנ אביסל געכאַפּט. מיט אַזא שאַרפנ פעלער האָט ער שוינ געטויגט אפ זיבנ און נײַנציק קאַפּאָרעס; האָט מענ אים אַרויסגעפירט ווידעראַמאָל אפנ יאַריד, טאָמער וועט מענ אים קענענ עמעצנ פאַרטאָנ. מע האָט אים גאַנצ פײַנ אויסגעקעמט, אויסגעפוצט, דעם ווײדל קלוימערשט אונטערגעבונדנ און די קאָפּעטעס צוגעפאַרבט מיט פעטנ; — עס האָט אָבער ניט געהאָלפנ, א וועלט נאַרט מענ ניט. וויפל מע האָט אים ניט געמוטשעט, ער זאָל אויסזעענ יונג, האַלטנ דעם קאָפּ מיט גאַדלעס, — ער האָט זיך געטאָנ זיינס: אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ מיט גרויס באַשיידנקייט, די פיסלעך אויסגעקנעכלט, די אונטערשטע ליפּ אַראָפּגעלאָזט אביסל אפ א זײַט, און פונ איינ אויג געלאָזט א טרער... ניינ, עס האָבנ זיך שוינ ניט געפונענ אפ אים קיינ באַלאָנים! א פּאָר מענטשנ זײַנענ צוגעגאַנגענ צו אים, שוינ אפילע אינ מויל אַריינ ניט געקוקט, נאָר אַזוי א מאַכ געטאָנ מיט דער האַנט אפ אים

איבער דער מאָרדע, אויסגעשפּיגן און אוועקגעגאַנגען. איינער האָט זיך יאָ אָפּגעריסן אַ באַלן, נאָר ניט אָפּ אים — אָפּ זיין פּעל. מע האָט אָבער ניט געקענט דורכקומען פאַר דער פּרייַז; יענער, דער פּעל־הענדלער, האָט באַוויזן אַ בעזשבן, אַז עס לוינט ניט: דאָס אָפּפּירן אים, דאָס אומ־וואַלגערן מיטן אָפּשינדן וועט קאָסטן מער, וויפל די פּעל איז ווערט.

ס׳איז אים אָבער באַשערט געווען, אַפּאַנעם, אַ גוטע עלטער, איז אונ־טערגעשפּרונגען קאַסריִעל דער וואַסערפירער און האָט אים געבראַכט צו פירן קיין קאַסריִלעווקע.

5

ביז אַהער איז קאַסריִעל דער וואַסערפירער, אַ ברייטביייניקער, מיט אַ צעפּלעטשטער נאָז און מיט אַ באַוואַקסן פּאַנעם פון אויבן ביז אַראָפּ, געווען אַליין דער וואַסערפירער און אַליין דאָס פערדל, דאָס הייסט, ער האָט זיך אַליין איינגעשפּאַנט אין פעסל און צעפירט איבער דער שטאָט דאָס וואַסער. וויפל קאַסריִעל איז פאַרשוואַרצט געוואָרן דאָס גאַנצע לעבן זיינס, האָט ער קיינעם ניט מעקאַנע געווען אָפּ דער וועלט; נאָר אַז ער האָט געזען עמעצן פאָרן מיט אַ פערד, פלעגט ער זיך אָפּ־שטעלן און לאַנג־לאַנג נאָכקוקן יענעם די טריט. זיין איינציקער ווונטש אָפּ דער וועלט איז געווען: גאָט זאָל אים העלפן, ער זאָל קענען זיך צושלאָגן צו אַ פערדל. נאָר וויפל ער האָט ניט געקלויבן, האָט ער ניט געקענט דערשלאָגן זיך צו אַזאַ קאַפּיטאַל, וואָס ער זאָל דערויף קענען קויפן אַ פערדל. פונדעסטוועגן האָט ער ניט דורכגעלאָזט קיין יאַריד, ער זאָל זיך ניט דורכגיין צווישן די פערדלעך, גלאַט אַזוי אַ קוק טאָן, ווי זאָגט מען: אַ טאַפּ טאָן אין וואָגן. דערזען אַן אומגליקלעך, פאַר־וואָגלט, דערשלאָגן פערדל שטיין אינמיטן יאַריד אָן אַ ציימל, ניט צור־געבונדן אינערגעץ, האָט זיך קאַסריִעל אָפּגעשטעלט. דאָס האַרץ האָט אים געזאָגט, אַז דאָס פערדל באַדאַרף זיין אָנגעמאָסטן פאַר זיין געלט.

און אַזוי איז טאַקע געווען. ער האָט זיך לאַנג ניט באַדאַרפט דינגען. קאַסריִעל האָט גענומען דאָס פערדל און איז מיט אַ פריילעך האַרץ גע־לאָפן אַהיים. געקומען אַהיים, האָט ער אָנגעקלאַפּט אין דער טיר פון־דרויסן, איז אַרויסגעגאַנגען קאַסריִעלכע אַ דערשראָקענע:

— וואָס איז דאָס? גאָט איז מיט דיר!

— געקויפט, ווי איך בין אַ ייִד, געקויפט!

קאסריִעל און קאסריִעלעכע האָבן ניט געוווּסט, ווו מע זאָל אהינטאָן דאָס פערדל. זיי זאָלן זיך ניט שעמען פאַר די שכיינים, וואָלטן זיי דאָס אַרײַנגעפירט אין שטוב אַרײַן. גיך איז באַשאַפן געוואָרן אַביסל שטרוי און היי, און קאסריִעל און קאסריִעלעכע האָבן זיך אוועקגעשטעלט, זיך געשפּיגלט אין עם פערדל, זיך גאָרניט געקענט אָנקוקן.

אויך די שכיינים זיינען זיך צונויפגעקומען אָנקוקן די טייערע מציאה, וואָס קאסריִעל האָט געבראַכט צו פירן פונעם יאריד; מ'האָט געלאַכט פונעם פערדל, געמאַכט כויזעק, עס זיינען געפלויגן ווערטלעך אלערליי, ווי געוויינטלעך. דער האָט געזאָגט א כאָכמע, אז דאָס פערדל איז גאָר ניט קיין פערדל, נאָר א „מויל-אייזל"! און דער אנדערער האָט געזאָגט: וואָסער מויל-אייזל? ס'איז גאָר א קאַץ! דער דריטער האָט געזאָגט: ס'איז גאָר אן איידעלע זאַך, מע באַדאַרף דאָס היטן פון א ווינט, וואָרום א רעכטער ווינט קען דאָס, כאָלילע, אוועקטראָגן.

— וויפל קען דאָס אַלט זײַן? — האָט איינער א פרעג געטאָן.

— מער, וויפל קאסריִעל מיט קאסריִעלעכן אינאיינעם.

— מעסושעלעכס יאָרן.

— מעסושעלעך?

און פון דעמלט אָן איז אים פאַרבליבן דער נאָמען „מעסושעלעך" ביז הײַנטיקן טאָג.

6

דערפאַר איז אים אָבער געווען בא קאסריִעלן דעם וואָסערפירער אזוי, ווי נאָך קיינמאָל ניט, אפילע גאָר אין די גוטע יאָרן. ערשטנס, איז די אַרבעט עפּעס גאָר א געלעכטער און געננג. שלעפּן א פעסל וואַסער, און בא יעדער טיר אָפּשטעלן זיך — אויך מיר אן אַרבעט! און דער באַלעבאָס איז עפּעס גאָר א דימענט. א מענטש זאָל זיך ניט צורירן, קיין הויכן געשריי ניט טאָן, האַלטן א בײַטש נאָר אזוי זיך! הײַנט דאָס עסן. עמעס, קיין האָבער קוקט ער ניט אָן; נאָר צו וואָס טויג אים דער האָבער, אז ער האָט בעמיילע ניט מיט וואָס צו קײַען? ניט גלייכער שויִן די פּאַמעניצע מיט די ווייכע שטיקלעך ברויט, וואָס קאסריִעלעכע טראָגט אים אלע טאָג אנטקעגן? און ניט אזוי די פּאָמעניצע, ווי דאָס דערלאַנגען די פּאָמעניצע. מ'באַדאַרף זען, ווי קאסריִעלעכע שטייט בעשאַסמײַסע צונויפגעלייגט די הענט אַפן האַרצן און קלײַבט נאַכעס פון מעסושעלעכן, ווי

ער עסט דאָס, קיין בייז אויג זאָל אים ניט שאַדטן. קומט באַנאַכט, בעט מען אים אויס אין הויף אַביסל שטרוי און מע גייט אַרויס אַלעמאָל, קאַסריִעל אָדער קאַסריִעלעכע, געוויינע ווערן, צי מע האָט אים, כאָלילע, ניט אוועקגעגאַנוועט. גאַנצפרי, אַז גאָט אַליין שלאָפט נאָך, איז שוין קאַסריִעל באַם פערדל, ער שפּאַנט דאָס איַין פּאַוואָלינקע אין פעסל, זעצט זיך אויף און פאָרט צום טײַך נאָך וואַסער און זינגט בעשאַסמײַסע אַ מעשונע-מאָדנעם ניגון.

און אַז ער גיסט אָן דאָס פעסל מיט וואַסער, גייט ער שוין צוריק וועגס צופוס אָן אַ ניגון, טיאָפּקעט גלייך מיט מעסושעלעכן אין דער בלאָטע, דרייט מיט דער בײַטש:

— נו־זשע, מעסושעלעך, ריר זיך, ריר זיך!

מעסושעלעך שלעפּט די פיס פון דער בלאָטע, שאָקלט מיטן קאָפּ און כאַפּט אַ קוק מיטן איינציקן אייגל אָפן באַלעבאָס און טראַכט זיך בעשאַס-מײַסע: „זינט איך בין אַ פערד, האָט זיך מיר נאָך ניט געטראָפן דינען באַ אַזאַ מעשונע-מאָדנעם פּאַרשוין!“ און דאָס פערדל נעמט, טוט זיך אַ רוק אָפּ די הינטערשטע פיס און שטעלט זיך אָפּ אָפּ אַ ציקאַוועס אין מיטן דער בלאָטע, ווי איינער רעדט: „אַזוי, לאָמיר אומיסטן זען, וואָס וועט זיין דערפון?“ דערזען, אַז דאָס פערדל האָט זיך פּלוצים אָנידער-געשטעלט, הייבט אָן קאַסריִעל אַרומדרייען זיך אַרום פעסל, באַטראַכטן די רעדער, די אַקסן, די שטריקעלעך, און מעסושעלעך, אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו קאַסריִעלן און אַ מאַך מיט די ליפּן, ווי אַ שמייכל געטאָן, טראַכט ער זיך: „אַ טיפּעש אָט דער וואַסערפירער! אַ לעמל, אַ פּראָסטע בעהיימע!“...

7

ס׳זאָל קעסיידער זיין גוט אָפּ דער וועלט — דאָס איז ניט פּאַראַן. אָפּ וויפל מעסושעלעך האָט זיך געפילט גליקלעך אָפּ דער עלטער באַ קאַסריִעלן און קאַסריִעלעכן, אַזויפיל איז ער אויסגעריסן געוואָרן, אויס-געשטאַנען צאָרעס, יעסורים און ביזיוינעס פון זייערע קינדער, פון זייערע שכיינימס קינדער און פון גלאַט קינדער.

פון דער ערשטער מינוט אָן, וואָס מ׳האָט אים געבראַכט צו פירן, און קליינוואַרג האָט אים דערזען, האָבן זיי באַקומען צו אים עפּעס אַ מין... ניט קיין פײַנטשאַפט, כאָלילע — פּאַרקערט, זיי האָבן אים דאַפקע

ליב געהאַט; נאָר דידאָזיקע ליבשאַפט איז געווען פאַר מעסוֹשעלעכן א טויט. האָלעווײַ וואָלטן זיי אים בעסער ווינציקער ליב געהאַט און אַביסל מער ראַכמאָנעס געהאַט...

דאָס ערשטע האָבן אים קאַסריעלס קינדער, באַרוועסע כײדער־ייִנג־לעך, אויסגעפּרוווט, אז קיינער האָט ניט געזען, צי פילט ער אַזויווי א מענטש, צי ניין? האָבן זיי אים געפּרוווט פונדערגרינג מיט א שטעקל איבער דער פעל — ניין; א קיצל איבער די פיס — ניין; א שנאָל איבערן אויער — קאַם־קאַם.

ערשט נאָכדעם, אז זיי האָבן אים געפּרוווט מיט א שטרויעלע איבערן ווײַסן אייגל מיט דער בעלמע, האָבן זיי ערשט דעמלט דערזען, אז ער פילט ווי א מענטש, מאַכמעס ער האָט געגעבן א פינטל מיט די אויגן און א מאַך מיטן קאָפּ הין און צוריק, ווי איינער רעדט: „ניין, דאָס ניט, דאָס געפעלט מיר ניט"... ווי באַלד אזוי, האָבן זיי שוין דערטאַפּט א ריטל פון א בעזעם און האָבן אים אַרײַנגערוקט טיף אין נאָז אַרײַן. האָט מעסושע־לעך געגעבן א שפּרונג און א טאַנץ און א פאָרשקע מיט דער נאָז. איז אַרויסגעלאָפן קאַסריעל מיט א גוואַלד:

— שקאָצים, מאַזיקים, וואָס פאָרעט איר זיך מיטן פערד? אין כײדער אַרײַן, הולטײַעס!

און כעוורע האָבן גענומען די פיס אַף די פּלייצעס און זײַנען אַוועק אין כײדער.

8

דאָרט, אין כײדער, איז געווען איינער א רוועלע, א ספּירטאָווע ייִנגל, א מאַזיק, זאָל גאָט אָפּהיטן! אַף אים האָט זײַן אייגענע מאַמע אַליין געזאָגט, אז „אַזעלכע קינדער זאָל מען גערדיכט זײַען און שיטער אופגיין". זײַן אַרבעט איז געווען: אײַנעסן זיך איטלעכן באַזונדער אין די ביינער. ווו א בוידעם, ווו א קעלער — איז ער געווען אויסן. טרײַבן הי־נער, גענדז אָדער קאַטשקעס, שרעקן ציגן, מוטשען קעץ, שלאָגן הינט, פון כאַזיירים שמועסט מען ניט — דאָס איז בא אים געווען דאָס כײַעס! די קלעפּ פון דער מאַמען, די שמיץ פונעם מעלאַמעד און די פּעטש פון ווילד־פרעמדע זײַנען געווען אַרויסגעוואָרפן, און די קלאָלעס, וואָס מ׳האָט אים אַרײַנגעלייגט — ווי אַן אַרבעס אין וואַנט אַרײַן. אָט, דאַכט זיך, האָט מען אים געפּאַטשט; אָט, דאַכט זיך, האָט ער געוויינט מיט טרערן,

זיך נאָר אָפּגעקערעוועט אין א זײַט — אהא! רוועלע האָט שוין ארויס־געשטעלט א צונג, געמאכט א ווײַנשעלע פון דער אונטערשטער ליפּ, אָדער א פּאכיר פון די באקן. און צווי באקן האָט ער געהאט, ווי די פּאָמפּעשקעס, געווען טאָמיד געזונט און שטענדיק פריילעך; דאָס, וואָס די מאמע איז א וויסטע אלמאָנע און מוטשעט זיך ווי אפּן טויט און צאָלט פאַר אים א קערבל א זמאַן* סכארלימעד** — דאָס איז ניט זיין אייסעק.

אז רוועלע איז געווירע געוואָרן פון קאסריעלס קינדער, אז זייער טאטע האָט געבראכט צו פירן פונעם יאריד א פערדל און סע הייסט מע־סושעלעכ, איז ער ארופגעשפּרונגען אפ א בענקל, א ווייש געטאָן דאָס נעזל מיט ביידע הענט הין און צוריק און ארויסגערופן אפ א קאָל:

— קינדער, מיר האָבן שוין א „סמיטשעק”!

צו באמערקן, אז רוועלע האָט פון קינדווײַז אָן ליב געהאט קלעז־מער, ארויסגעגאנגען נאָך א פידל, טאקע מאמעש עס האָט זיך אים גע־עקט דאָס כײַעס, אז ער האָט דערהערט שפּילן. און דערצו האָט ער גע־האט א שיינע קעלעכל, געקענט אלע ניגונים אפ אויסנווייניק. ער האָט גאָר אנדערש ניט גערעכנט, ווי, אז ער וועט אויסוואקסן א גרויסער, וועט ער זיך קויפן א פידל און וועט שפּילן טאָג ווי נאכט אפּן פידל. דערווייל האָט ער זיך געמאכט פון א שטיק האָלץ א קליינע פידעלע, מיט פאָדעם אפן אָרט פון סטרונעס, דערבײַ געכאפּט גוטע קלעפּ פון דער מאמען:

— א קלעזמער וועט פון דיר אויסוואקסן? ניט דערלעבן זאָל איך דאָס!

פארנאכט, אז כאים־כאָנע דער מעלאמעד האָט צעלאָזט די טאלמי־דים, זיינען זיי אלע געגאנגען באגעגענען קאסריעל דעם וואסערפירערס פערדל. דער ערשטער האָט ארויסגעזאָגט זיין מיינונג רוועלע, אז דאָס פערדל איז אן אויסגעצייכנט פערדל. עס וועט געבן סטרונעס פונעם ווידל, וויפל מע וועט נאָר דארפן. א סימען, אָט וועלן מיר באלד א פּרווו טאָן!

און רוועלע האָט זיך פארגאנווועט צו מעסושעלעכן פונהינטן און האָט אָנגעהויבן בא אים שלעפּן האָר פונעם ווידל. איז ביז רוועלע האָט געשלעפּט די האָר אײַנציקווײַז, איז מעסושעלעכ געשטאנען רויק, ווי איינער רעדט: „א האָר פונעם ווידל? וואָס קען דאָס מיר שאדטן? טאָ,

---

* זמאַן — א האלב יאָר.

** סכארלימעד — שול־געלט.

אויך די אייגענע מײַסע, וועט זיין ווינציקער מיט א האָר!"... נאָר אז רו־וועלע האָט זיך צוגעכאַפּט צום ווײדל, אָנגעהויבן רײַסן מיטאמאָל א גאנצן זשמוט, האָט דאָס שוין מעסושעלעכן גוט פאַרדראָסן, ווי איינער רעדט: „לאָז אַרײַן א כאַזער אין שטוב, קריכט ער אפן טיש"... און ניט לאנג גע־טראַכט, האָט ער דערלאנגט רוועלען מיט דעם הינטערשטן פוס גלייך אין די ציין אַרײַן און האָט אים צעהאַקט די ליפּ אפּ צווייען.

— גוט אזוי, א דונער איז מיר! זייער רעכט, א שלאַק איז מיר! קריך ניט, וויסט איז מיר!

אזוי האָט געזאָגט די מאמע זיינע, יענטע די לעפּטשעכע, געלייגט אים קאלט וואסער צו דער צעהאַקטער ליפּ, געוויינט, געבראָכן די הענט, געלאָפן צו כיענע דער רויפעטע, אײַנגעלייגט די וועלט.

9

רוועלע איז געווען, גאָט צו דאנק, אזא קינד, וואָס אלצדינג האָט זיך אפּ אים פאַרהײלט גיך, „ווי אפּ א הונט". איידער מ׳האָט זיך ארומ־געקוקט, איז שוין די ליפּ בא אים ווידער צונויפגעוואַקסן געוואָרן, גלייך ווי גאָרניט געווען, און ער האָט צוגעטראַכט גאָר א נײַע זאַך: מ׳באַדאַרף זיך אמאָל דורכפאָרן רײַטנדיק אפּ מעסושעלעכן, און דאַפקע אלע כײַ־דער־ייִנגלעך מיטאמאָל. נאָר ווען און ווי אזוי מאַכט מען דאָס אָפּ, אז קיינער זאָל ניט וויסן? איז רוועלע געפאַלן אפּ א סײכל, אז דאָס איז גוט נאָר שאַבעס באַטאָג, בעשאַס דער אוילעם עסט אָפּ און לייגט זיך שלאָפן, דעמלט כאַטש נעם און טראָג ארויס גאנץ קאַסרילעווקע מיט האַק און פּאַק. האָט זיך אפילע איין ייִנגל געשטעלט אַקעגן: „ווי אזוי פאָרט דאָס א ייִד אום שאַבעס?" האָט אים רוועלע דערויף געענטפערט: „בעהיימע! דאָס הייסט געפאָרן? דאָס ווערט אָנגערופן געשפּילט זיך"...

ס׳איז געקומען שאַבעס באַטאָג, דער אוילעם האָט אָפּגעגעסן, גע־לייגט זיך שלאָפן, און קאַסריִעל מיט קאַסריִעלעכע אויך. האָבן זיך כעוורע פאַוואָליע ארײַנגעגאַנוועט צום וואַסערפירער אין הויף אַרײַן, און רוועלע האָט גענומען אויספוצן מעסושעלעכן ווי ווײַט מעגלעך. פאַר אלעמען, האָט ער אים פאַרפלאָכטן די גריווע, געמאַכט עטלעכע צעפּ־לעך, באַפוצט מיט שטרויעלעך; נאָכדעם האָט ער אים אָנגעטאָן אפן קאָפּ א ווײַסן פּאַפּירענעם ספּאָדעק, צוגעבונדן אפן האלדז מיט בענדלעך; און נאָך אלעם דעם, האָט ער אים אָנגעהאַנגען פונהינטן אן אלטן בעזעם,

כעוורע האָבנ אָנגעהויבנ זעצנ זיכ, קריכנ אפ מעכושעלעכנ אייגס איבער אנדערנ...

קעדיי דער ווײדל זאָל אויסקומען שענער און לענגער. און כעוורע האָבן אָנגעהויבן זעצן זיך, קריכן אַפ מעסושעלעכן איינס איבערן אַנדערן; ווער עס האָט פאַרכאַפּט אַן אָרט פריער, דער איז געזעסן אַפן פערד, און די איבעריקע וועלן זיך שוין זעצן נאָכדעם, נאָר דערווײַל זײַנען זיי נאָכגעגאַנגען פונהינטן, געהאָלפן אונטערשרײַען, מעסושעלעך זאָל גיין אַביסל גיכער, און געזונגען:

— אַזוי ווערט געטאָן צו אַ פערד, וואָס רוועלע וויל אים גרויס־האַלטן! — מעסושעלעך האָט אָבער קיין כיישעק ניט געהאַט צו לויפן און איז זיך געגאַנגען טריט בא טריט. וואָרום, ערשטנס, וואָס האָט ער קיין צײַט ניט, און, צווייטנס, איז דאָך עפּעס הײַנט אַ טאָג פון רוען! רוועלע האָט אָבער ניט אויפגעהערט צו טרײַבן דאָס פערדל, נאָקען, וויאָקען און טיוקען.

און מעסושעלעך איז זיך אַלץ געגאַנגען טריט בא טריט, זיך גע־טראַכט בעשאַסמײַסע: „קונדייסים שפּילן זיך, טאָ לאָזן זיי זיך שפּילן“...

נאָר אַז כעוורע האָבן אים שטאַרק אָנגעהויבן דערקוטשען, אונטער־טרײַבן און מאַכן מיט די הענט, האָט מעסושעלעך אָנגעהויבן גיין גי־כער, האָט אים הינטן דער בעזעם אָנגעהויבן שלאָגן אין די פּיס אַרײַן; האָט ער אָנגעהויבן לויפן נאָך גיכער, האָט אים דער בעזעם אָנגעהויבן שלאָגן נאָך שטאַרקער; האָט ער אָנגעהויבן שפּרינגען, האָבן כעוורע גע־קוועלט, און רוועלע האָט זיך אונטערגעהעצקעט און געשריגן: האָפּ־האָפּ־האָפּ! אַזוי לאַנג געהאָפּקעט, ביז זיי האָבן אָנגעהויבן פאַלן איינציק־ווײַז, ווי די האָלעשקעס. און אַז מעסושעלעך האָט זיי אַלעמען אַראָפּ־געוואָרפן און דערפילט, אַז ער איז פרײַ, האָט ער ערשט דעמלט אָנגע־הויבן לויפן מעשוגענערווײַז, און איז געשמײַדיק געלאָפן און געלאָפן ביז אַפ יענער זײַט מילן, העט־העט הינטער דער שטאָט אַרויס.

דערזען לויפן אַ מעשונע־מאָדנע פערדל מיט אַ פּאַפּירענעם ספּאָדעק, האָבן די פּאַסטעכער געמאַכט אַ העץ אַפ אים, אָנגעהויבן אים נאָכלויפן, וואַרפן מיט שטעקנס און האָבן אָנגערייצט אַפ אים די הינט. יענע, די הינט, הייסט עס, האָבן זיך דאַפקע ניט געלאָזט לאַנג בעטן און האָבן גע־נומען יאָגן זיך נאָך אים, בײַסן און רײַסן: עטלעכע האָבן אים אָנגענו־מען הינטן, בא די ליטקעס, עטלעכע האָבן אים אָנגעכאַפּט פונפאָרנט, באַם גאָרגל. מעסושעלעך האָט אַזש אָנגעהויבן כראָפּען, אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט — ביז זיי זײַנען אים דערגאַנגען דעם עק.

אפ מאָרגנ האָבנ שוינ כעוורע געהאט זייער ערלעכ אויסקומעניש. אכוצדעמ, וואָס זיי האָבנ זיכ צעשלאָגנ די נעז און צעפּילט די שטערנס פונעמ פאלנ, האָבנ זיי געכאפּט פּעטש אינדערהיימ און שמיץ פונ כאִימ־כאָנע דעמ מעלאמעד. אונ מער פונ אלעמענ האָט געלייזט, געווײנטלעכ, רוועלע, מאכמעס אלע איבעריקע יינגלעכ, אז מע האָט זיי געשמיסנ, האָבנ זיי כאָטש געוויינט, און רוועלע האָט, פּארקערט, גאָר געלאכט. האָט מענ דאָכ אימ נאָכ מער געקאטעוועט, נאָר וואָס מער מ׳האָט אימ געשלאָגנ, האָט ער מער געלאכט, און וואָס מער ער האָט געלאכט, האָט מענ מער געשלאָגנ, — אזוי לאנג, ביז כאִימ־כאָנע דער מעלאמעד האָט זיכ אלייג אויכ צעלאכט, און אפ אימ קוקנדיק — אלע טאלמידימ. ס׳איז געוואָרנ אזא געלעכטער, אז אלע שכיינימ זיינען זיכ צונויפגעקומען, און גלאט מענטשנ, יידנ און וויבער, יינגלעכ און מיידלעכ פונ גאס: „וואָס איז? וואָס איז דער געלעכטער? וואָס לאכט מענ, וואָס?" האָט זיי קיינער ניט געקענט ענטפערנ קיינ וואָרט, מאכמעס מע האָט זייער שטארק געלאכט. האָבנ יענע, די פרישע מענטשנ, זיכ אויכ אָנגענומענ פונעמ געלעכטער און האָבנ אויכ אָנגעהויבנ צו לאכנ; האָבנ יענע, די ערשטע, אָנגעהויבנ לאכנ נאָכ שטארקער, און יענע, די פרישע, אפ זיי קוקנדיק, נאָכ שטארקער, — האקלאל, מע האָט זיכ פּאָשעט געקאטשעט אפ די בייכער, געהאלטנ זיכ בא די זייטנ לאכנדיק.

*

נאָר צוויי מענטשנ האָבנ ניט געלאכט, דאָס זיינענ געווענ: קאסרי׳על דער וואסערפירער און זיינ וויב קאסרי׳עלעכע. א קינד, כאָלילע, אז עס גייט אוועק פונ א שטוב, ווייס איכ ניט, אויב מ׳באדארפ אזויפיל וויינענ, וויפל קאסרי׳על און קאסרי׳עלעכע האָבנ געוויינט אפ זייער גרויסנ שאָדנ, אפ זייער אָרעמ פערדל, נעבעכ, אפ מעסושעלעכנ.

ראבטשיק

1

ראבטשיק איז געווען א הונט א ווײַסער, מיט פלעקן, ניט קיין גרוי־סער, א מיטלמעסיקער, א שטילער, ניט קיין אָנכאַפּער. ער האָט פײַנט געהאַט, ווי אַנדערע, אָנפאַלן אַפ יענעמס פוסגייער, אָפּרײַסן א פּאָלע, אָדער א ביס טאָן אין דער ליטקע, ער איז געווען צופרידן אַבי יענער זאָל אים ניט טשעפּען.

פאַרקערט, אים האָט דערקוטשעט יעדערער, ווער עס האָט נאָר גע־וואָלט. געבן ראבטשיקן א זעץ מיט א שטעקן פון הינטן, אָדער דערלאַנ־גען אים מיטן אָפּצאַס אין זײַט אַרײַן, אָדער וואַרפן אים א שטיינדל אין קאָפּ אַרײַן, אָדער אויסגיסן אַפ אים א פּאָמעניצע — דאָס איז געווען בא יעדן א שפּילעכל.

און ראבטשיק, אַז ער האָט באַקומען א קלאַפּ, האָט ער זיך ניט אָני־דערגעשטעלט, ווי אַנדערע הינט, אויסגעשטעלט זיך, אויסהאָוקען זיך, באַ־ווײַזן די ציין; ניין, ראבטשיק פלעג זיך בא איטלעכן קלאַפּ אײַנבייגן קימאַט ביז דער ערד מיט א קוויטש: אײַ — אײַ! און אַנטלויפן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן וויידל, זיך באַהאַלטן אין א ווינקעלע, פאַרטיפן זיך אין געדאַנקען און כאַפּן פליגן.

ווער איז געווען ראבטשיק? פונוואַנען האָט ער זיך גענומען? דאָס איז שווער צו וויסן. עס קאָן זײַן, אַז ער איז פאַרבליבן אין הויף נאָך פונעם אַלטן פּאָרעץ. מעגלעך, אַז ער איז פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן, פאַר־לאָרן זײַן באַלעבאָס און צוגעשטאַנען צום נײַעם באַלעבאָס און פאַרבליבן אַפּ טאָמיד.

עס מאכט זיך אמאָל, איר שפּאַצירט אַף דער גאַס, לויפט אייך נאָך אַ פּריבלודנע הינטל פוס־טריט. „וואָס איז דאָס פאַר אַ פּריטשעפּע?" — טראַכט איר זיך און הייבט אוף די האַנט אַפן הינטל: „פּשאָל וואָן!" דאָס הינטל בלײַבט שטיין, בייגט זיך אויס, ווי אַ מענטש, בעשאַס מע וויל אים געבן אַ פּאַטש, און לויפט אייך נאָך ווײַטער. איר בייגט זיך אָן צו דער ערד, איר טוט אַ מאַך מיט דער האַנט, קלוימערשט איר וואַרפט דעם אַ שטיינדל, עס העלפט ניט. איר בלײַבט שטיין און קוקט אַפן הינטל; דאָס הינטל בלײַבט שטיין און קוקט אַף אייך; איר קוקט זיך איינס דאָס אַנדערע אין די אויגן אַרײַן אָן ווערטער. איר טוט אַ שפּײַ און לאָזט זיך גיין — דאָס הינטל לויפט אייך נאָך. איר גייט אַרויס פון די קיילים, איר כאַפּט אַ שטעקן און צעלאָזט זיך אַף דעם מיט קאַס. פאַלט דאָס הינטל אַף אַן אייצע: ציט זיך אויס אַף דער ערד מיט די פיסלעך אַרופּ, ציטערט און קוקט אייך גלײַך אין די אויגן אַרײַן, ווי איינער רעדט: „נאַ! ווילסט מיך שלאָגן? — שלאָג!"...

אָט פון דעם מין הינט איז געווען אונדזער ראַבטשיק.

2

ראַבטשיק איז געווען אַ הונט ניט קיין נאַשער. אין שטוב האָט געמעגט ליגן גאָלד, האָט ער זיך ניט צוגערירט.

ראַבטשיק האָט געוווּסט, אַז דאָס, וואָס אונטערן טיש, געהער צו אים, און ווײַטער איז ניט זיין אייסעק.

אין דער יוגנט, זאָגט מען, איז ער אַפילע יאָ געווען אַ שטיקל כעווערעמאַן. ער האָט איינמאָל געפּרוווט, אומגערן אַפּאָנעם, אוועקשלעפּן פונעם זאַלצבערעטל אַ פיסל פון אַ גאַנדז. האָט דערזען ברײַנע די קעכן, אַ ידענע מיט שוואַרצע וואָנצעס, און האָט געמאַכט אַ געשריי: „אײַזיק! אײַזיק!" איז געקומען צו לויפן אײַזיק, סאַמע אין דער מינוט, וואָס ראַבטשיק האָט געוואָלט דורכלויפן מיטן געגנדזענעם פיסל; האָט אים אײַזיק צוגעקוועטשט מיט דער טיר אַזוי, אַז האַלב ראַבטשיק איז געבליבן פון איין זײַט טיר, און די אַנדערע האַלב — פון יענער זײַט, און מע האָט זיך מיט אים גוט אָפּגערעכנט: פון איין זײַט, האָט אים געשלאָגן אײַזיק איבערן קאָפּ מיט אַ שטעקן, און פון דער אַנדערער זײַט — ברײַנע מיט אַ שײַט האָלץ, און האָט ניט אויפגעהערט צו שרײַען בעשאַסמײַסע: „אײַזיק! אײַזיק!"

פון דעמלט אָן איז אים פאַרבליבן אַן אָנדענק. אַז מע איז צוגעגאַנ־
גען צו אים און אַ זאָג געטאָן גלײַך אין פּאָנעם אַרײַן: „אײַזיק!“ —
פלעגט ער אַנטלויפן ווי דער שוואַרצער פעפער וואַקסט.

3

מער פון אַלע איז אים דערגאַנגען די יאָרן פּאַראַסקע, די פּאַראַסקע,
וואָס האָט באַ אונדז געוואַשן גרעט, געשמירט די שטוב און געמאָלן די
בעהיימע.

וואָס האָט זי געהאַט צו ראַבטשיקן — איז שווער צו פאַרשטײַן: ער
פלעגט איר טאָמיד זײַן גרויס אין די אויגן, און ווען זי פלעגט אים דער־
זען, פלעגט זי ווערן אָנגעצונדן: „שאָב טאָבי כוואָראָבאַ, סאָבאַקאַ נע־
ווירנאַ!“... און ווי אַפּצולאָכעס, פלעגט ראַבטשיק ליב האָבן דאַפּקע פּלאָנ־
טערן זיך איר פאַר די פיס.

באַ דער אַרבעט פלעגט זיך פּאַראַסקע אין אים שרעקלעך נויקעם
זײַן: האָט זי געוואַשן גרעט, פלעגט זי אים אָפּגיסן מיט אַ קאַלט שעפל
וואַסער; ראַבטשיק האָט פײַנט געהאַט אַזא באָד, פלעגט ער זיך נאָכדעם
דאַרפן לאַנג אָפּטרײסלען. האָט זי געשמירט די שטוב, פלעגט זי אים
פאַרפליאַסקען דאָס פּאָנעם מיט ווײַסער ליים, ער זאָל זיך נאָכדעם באַ־
לעקן אַ שאָ קעסיידער. האָט זי געמאָלן די בעהיימע, פלעגט זי אים
דערלאַנגען מיט אַ שײַט האָלץ איבער די פיס. ראַבטשיק האָט זיך אויס־
געלערנט שפּרינגען. אַז ס׳איז געפלויגן אַ שײַט האָלץ, פלעגט ער קונציק
איבערשפּרינגען איבער דעם, ווי אַ מאַזיק.

אײנמאָל האָט ער געכאַפּט אַ מיִעסן פּסאָק: פּאַראַסקע האָט אים גע־
וואָרפן אַ שײַט האָלץ און געטראָפן אין דעם פעדערשטן פוס, האָט ראַב־
טשיק זיך צעשריגן ניט מיט זײַן קאָל, נאָר מיט אַ מאָדנעם קוויטש: אײ־
אײ־אײ־אײ! מע איז זיך צונויפגעלאָפן פונעם גאַנצן הויף. ראַבטשיק האָט
דערזען מענטשן, האָט ער זיך אָנגעהויבן פעסטען, באַווײַזן איטלעכן
דאָס איבערגעבראָכענע פיסל, ווי אײנער רעדט: „נאַט, זעט, וואָס זי האָט
מיר געטאָן, פּאַראַסקע!“...

ראַבטשיק האָט געמײנט, אַז מע וועט זיך, מיסטאָמע, אָנעמען זײַן
קריוודע, און פּאַראַסקען וועט מען געוויס קעפּן פאַר אַזאַ מײַסע.

צום סאָף איז צווישן אוילעם געוואָרן אַ געלעכטער: ברײַנע מיט די
וואָנצעס איז אַרויסגעפלויגן פון קיך מיט אַ פּאָלאָניק, און האָט זיך אַ

שמיר געטאָן איבער דער נאָז פונונטן ארופ מיטן נאקעטן עלנבויגן: „איבערגעבראָכן דעם שלימאזל א פוס? זייער רעכט!"... אויך די יאטלעך, די ווײַסעכעוורעניקעס, זיינען זיך צונויפגעלאָפן און האָבן גענומען שרײַען אפ ראבטשיקן און פײַפן. איז אָנגעקומען פאראסקע און האָט אים צורעכט געמאכט דאָס מאזל! זי האָט אים אָפגעגאָסן מיט א קריגל זודיק וואסער. האָט ראבטשיק אופגעהויבן א גוואלד מיט א קוויטשערײַ: אי־אי־אי־אי!.. בעשאסמײַסע געשפרונגען און געדרייט זיך, געביסן זיך אליין דעם וויידל און ניט אופגעהערט צו גוואלדעווען מיט אזעלכע קוילעס, אז צווישן די ווײַסעכעוורעניקעס איז דאָס געלעכטער געוואָרן נאָך גרעסער. מע האָט דערזען ראבטשיקן טאנצן אפ דרײַ פיס, האָט מען אויסגעבאטלט אלע בייזע כאלוימעס אפ זיין קאָפ, און געשענקט אים א פאָר גוטע שטעקנס. ראבטשיק האָט זיך געלאָזט לויפן מיט א קוויטש, געקוליעט זיך און געקאטשעט איבער דער ערד, און ווײַסעכעוורעניקעס זיינען אים נאָכגעלאָפן מיט שטעקלעך און מיט שטיינדלעך, געהוקעט, געפײַפט און געטיוקעט און פארטיוקעט אים ווײַט־ווײַט פון דער שטאָט ארויס, אזש פון יענער זײַט מילן.

4

ראבטשיק איז געלאָפן מיט דעם געדאנק, אז צוריק אין שטאָט ארײַן זאָל ער שוין ניט קומען קיינמאָל ווײַל ער וועט לעבן! און געלאָפן איז ער אין דער וועלט ארײַן, ווו די אויגן וועלן טראָגן. געלאָפן־געלאָפן און געקומען צו לויפן אינעם ערשטן דאָרף ארײַן, האָט ער זיך באגעגנט מיט דאָרפישע הינט.

די דאָרפישע הינט האָבן אים ארומגעשמעקט פון אלע זײַטן.

— וואָס מאכט א הונט! פונוואנען קומט מען, און וואָס איז דאָס בא דיר פאר א צאצקע אפן רוקן? עפּעס ווי אויסגעסמאָלעט א שטיק פעל סאמע אינמיטן?

— עך! פרעגט שוין ניט! — מאכט צו זיי ראבטשיק מיט א טרויער־דיקער מינע — אסאך צו דערציילן, ניטאָ וואָס צו הערן. איז ניט מעגלעך בא אייך איבערצונעכטיקן א נאכט?

— אָך, מיטן גרעסטן קאָוועד! — זאָגן די דאָרפישע הינט. — דער „אינדרויסן" איז גענוג גרויס, און דער „אונטערן־הימל" איז נאָך גרעסער.

— ווי אזוי איז דאָ בא אייך מיטן עסן? — פרעגט ראַבטשיק. — מיט וואָס שטילט איר דעם הונגער, אז דער מאָגן איז ליידיק?

— עט! ניט צו פאַרזינדיקן! — מאַכן די דאָרפישע הינט. — פּאָמעני־צעס איז פאַראַן אומעטום, און צום פלייש האָט גאָט באַשאַפן ביינער; א דײַגע, לאָזן זיי עסן פלייש, די באַלעבאַטים, וועלן מיר האָבן ביינער. אַבי, ווי זאָגט איר, פאַרשטאָפּן די קישקע.

— נו, און די באַלעבאַטים ווי אזוי זיינען עפּעס בא אייך? — פרעגט ווײַטער ראַבטשיק און טוט א דריי מיטן ווידל, ווי איינער, וואָס וויל אויספרעגן, אויספאָרשן.

— די באַלעבאַטים זיינען באַלעבאַטים, — מאַכן די דאָרפישע הינט און פאַרשלאָגן די רייד.

— נו, און פּאַראַסקע? — מאַכט ראַבטשיק.

— וואָסער פּאַראַסקע? — פרעגן די דאָרפישע הינט.

— אָט די פּאַראַסקע, — זאָגט ראַבטשיק, — וואָס וואַשט גרעט, שמירט די שטוב און מעלקט די בעהיימע. איר קענט ניט פּאַראַסקען?

די דאָרפישע הינט שטייען, קוקן אָן ראַבטשיקן ווי א מעשוגענעם: „וואָס פּאַראַסקעט ער אונדז?" זיי שמעקן אים נאָכאַמאָל ארום פון אלע זײַטן און צעגייען זיך איינציקווײַז, איטלעכער אפ זיין מיסט.

5

„אָט גליקלעכע הינט!" — טראַכט זיך ראַבטשיק און ציט זיך אויס אפ דער ערד אונטערן הימל און וויל כאַפּן א דרימל, נאָר עס שלאָפט זיך ניט. ערשטנס, די אָפּגעבריטע פעל, עס שמאַרצט אים און בײַסט אים מיט סאַקאָנעס! און די פליגן דערקוטשען אים זייער שטאַרק, ס׳איז פון זיי ניט אָפּצוטרײַבן זיך; צווייטנס, בורטשעט אים אין בויך! ער וואָלט א באַלן געוועגן עפּעס קײַען, איז ניטאָ וואָס; מע מוז צוּוואַרטן ביז אינ־דערפרי. און דריטנס, לאָזן אים ניט שלאָפן די געדאַנקען פון דעמ־ וואָס ער האָט זיך אָנגעהערט צווישן די דאָרפישע הינט: ניטאָ בא זיי קיין אײַזיקס, וואָס קוועטשן צו מיט א טיר און שלאָגן נאָכדעם מיט א שײַט האָלץ; ניטאָ בא זיי קיין פּאַראַסקעס, וואָס גיסן אָפּ מיט זודיק וואַסער; ניטאָ בא זיי קיין ווײַסעכעווורעניקעס, וואָס וואַרפן שטעקנס, פּײַפן און טיוקען און פאַרטיוקען. „גליקלעכע הינט אפ דער וועלט! און

איך האָב געמיינט, אַז נאָר דאָרט איז אַ װעלט. אַ װאָרעם ליגט אין כריין און מיינט — ס׳איז קיין זיסערס ניטאָ".

ראַבטשיק װערט אַנשלאָפּן, און עס כאַלעמט זיך אים אַ פּאָמעניצע אַ גרויסע, אַ פולע, מיט שטיקלעך ברויט, קישקעלעך, אָדערן פון פלייש רעטשענע קאַשע געמישט מיט הירזש און מיט פּאַסאָליעס, און ביינער, ביינער — אַ גאַנצער אוצער! ביינער פון קנעכלעך, ביינער פון ריפּ, ביי־נער מיט מאַרך, און ביינדלעך פון פיש, און קעפּלעך פון הערינג, גאַנצע, נאָך ניט קיין אויסגעסמאָצקעטע. ראַבטשיק װייסט ניט, פון װאָס זאָל ער אָנהייבן פריער.

— „זאָל דיר װויל באַקומען!"— מאַכן צו אים די דאָרפישע הינט און קוקן פונדערװײַטן, װי ער גרייט זיך צו דער סודע.

— קומט עסן! — זאָגט ראַבטשיק גלאַט אַזוי נאָר פון איידלקייט װעגן.

— עס געזונט! — זאָגן די דאָרפישע הינט גאַנץ פריינטלעך.

פלוצים דערהערט ער אַ קאָל גלײַך אין אויער אַרײַן: „אײַזיק!"

ראַבטשיק כאַפּט זיך אויף — ס׳איז גאָר אַ כאַלעם!

אינדערפרי האָט זיך ראַבטשיק געלאָזט איבער די הויפן, געזוכט אַ פּאָמעניצע, אַ שטיקל סעכער, אַ ביינדל, נאָר װי ער קומט — זיינען פאַר־נומען אַלע ערטער.

— קען מען באַ אייך ניט איבערבײַסן? — פרעגט ראַבטשיק.

— דאָ? ניין! עפּשער אינעם אַנדערן הויף...

ראַבטשיק לויפט פון איין הויף אינעם אַנדערן. אומעטום — דאָס איי־גענע לידל. טראַכט ער זיך: װאָס װעט ער װאַרטן אַף דערעכערעץ? אַמעה, װעט ער צוגיין און װעט אַ כאַפּ טאָן װאָס עס װעט זיך לאָזן. נאָר באַם ערשטן „כאַפּ" האָט ער געכאַפּט פון די דאָרפישע הינט אַ מיִעסן פּסאַק: פריער האָט מען אַף אים אָנגעהויבן קוקן בייז, הורטשען און באַװײַזן ציין, און נאָכדעם זיינען עטלעכע מיטאַמאָל אָנגעפאַלן אַף אים, געריסן און געביסן, אים געמאַכט אַ טעל פונעם װיידל, אַרויסגע־באַלייט מיט קאָװעד ביז אַף יענער זײַט ראָגאַטקע.

אַראָפּגעלאָזט דעם װיידל, האָט זיך ראַבטשיק אַװעקגעלאָזט אינעם אַנדערן דאָרף. געקומען צו לויפן אינעם אַנדערן דאָרף — װידער די איי־גענע מײַסע: פריער גוטע רייד, אַ שיינער גאַסט, פאַר װאָס ניט. און נאָכדעם, אַז עס קומט צו דער פּאָמעניצע, הייבט מען אָן אַף אים קוקן בייז, הורטשען, באַװײַזן ציין, רײַסן און בײַסן — און װאָגן אַף אַלע פיר זײַטן!

ראַבטשיקן איז נימעס געוואָרן דאָס אומוואָגלען, דאָס ארומוואַנדערן פון איין אָרט אינעם אנדערן, און ער האָט זיך באטראכט אזוי: מענטשן זיינען שלעכטע, הינט זיינען אויך ניט בעסער; ער וועט זיך בעסער אוועקלאָזן אין וואלד אריין צווישן כאַיעס.

און ראַבטשיק האָט זיך אוועקגעלאָזט אין וואלד אריין.

ארומגעדרייט זיך, איין הונט אליין אין וואלד, א טאָג, און צוויי, און דריי, האָט ער אָנגעהויבן פילן, אז דעו בויך ווערט אים וואָס וויַיטער אלץ מער צונויפגעצויגן, און די קישקעס איינגעשרומפן, מאמעש עס גייט אים אויס דאָס כיַיעס פון הונגער און פון דאָרשט, כאָטש נעם און צי זיך אויס אינמיטן וואלד און שטאַרב אוועק! און ווי אַפּצולאָכעס גלוסט זיך אים נאָך לעבן.

און ראַבטשיק נעמט דעם ווידל אונטער זיך, ציט אויס די פּעדערשטע לאַפּעס, שטעלט ארויס דעם צונג און לייגט זיך אוועק אונטער א בוים און קלערט א הינטישן געדאנק: „ווו נעמט מען א שטיקל ברויט? ווו קריגט מען א פּיצל פלייש? א ביינדל כאָטש? וואסער א קאַפּ?" און פון גרויסע צאָרעס ווערט ער א דענקער, א פילאָסאָף. ער הייבט אָן זיך צו טראכטן: „פארוואָס איז ער, הונט, מער געשטראָפט פון אלע כאַיעס און אויפעס און פון אלע באשעפענישן אויף דער וועלט? לעמיַי אָט פליט א פייגעלע גלייך אין נעסטעלע אריין... אָט לויפט א יאשטשערקע אהיים אין איר נאָרע אריין... אָט פויזעט א ווערעמל, א זשוקל, א מערעשקע,—אלע האָבן זיך זייער היים, אלע געפינען זיך זייער באדערפעניש, נאָר איך, הונט, האַוו־האַוו־האַוו!"...

— ווער האָוקעט דאָס דאָ אין וואלד!—רופט זיך אָן א וואָלף, לויפנדיק פארביַי, ארויסגעשטעלט דעם צונג פאר הונגער.

ראַבטשיק האָט קיינמאָל ניט געזען קיין וואָלף. ער מיינט, אז דאָס איז א הונט; שטייט ער אויף פאוואָליע, ניט געכאַפּט, ציט זיך אויס, גייט צו צום וואָלף.

— ווער ביסטו?—מאכט צו אים דער וואָלף מיט גאדלעס—ווי אזוי רופט מען דיך? פונוואַנען קומסטו אָן? און וואָס טוסטו דאָ?

ראַבטשיק איז זיך מאַמעש מעכיַיע, וואָס ער האָט דערטאַפּט א גוטן ברודער: כאָטש פאראן פאר וועמען די צאָרעס אויסצוגיסן.

און ער דערציילט אים אויס זיין גאנץ ביטער הארץ.

— איך וועל דיר זאָגן דעם עמעס,—לאָזט אויס ראַבטשיק דאָס טרויע־

ריקע צעטל זיינס — איך וואָלט מיך מעכײַע געווען, ווען איך באַגעגן מיך דאָ מיט א לייב, מיט א בער, אָדער כאָטש מיט א וואָלף.

— וואָס־זשע וואָלט געווען? — מאַכט דער וואָלף מיט א פאַסקודנעם שמייכל.

— גאָרניט, — זאָגט ראַבטשיק, — איז מיר באַשערט דער טויט, לאָמיך בעסער פאַרצוקט ווערן פון א וואָלף, איידער שטאַרבן פון הונגער צווישן אייגענע, צווישן הינט...

— נו! — מאַכט צו אים דער וואָלף, בלאָזט זיך אָן און טוט א קנאַק מיט די ציין. — זאָלסטו וויסן, אז איך בין א וואָלף! און איך האָב כיישעק דיך צערײַסן אויף עטלעכע שטיקלעך און מאַכן פון דיר אָן אָנבײַסן, מאַכמעס איך בין זייער הונגעריק, איך האָב שוין אַכט טאָג אין מויל ניט געהאַט.

דערהערט אַזעלכע רייד, האָט זיך אונדזער ראַבטשיק אַזוי דער־שראָקן, אז עס האָט אויף אים אָנגעהויבן ציטערן די אָפּגעקראָכענע פעל.

— האַר קעניג! טײַערער וואָלף! — מאַכט צו אים ראַבטשיק מיט א ראַכמאָנעס־פּאָנעם און מיט א וויינענדיק קאָל, — לאָז דיר גאָט צושיקן בעסערע אָנבײַסנס. וואָס ווערסטו פון מיר האָבן, מישטיינס געזאָגט? — פעל און ביינער! פאָלג מיך, לאָז מיך אָפּ. האָב ראַכמאָנעס אויף מײַן הינטיש לעבן!..

און דערבײַ האָט ראַבטשיק אַראָפּגעלאָזט דעםווײדל, אויסגעבויגן דעם רוקן, געפּויזעט אויפן בויך און געמאַכט אַזעלכע מיִעסע טנועס, אז דעם וואָלף איז ניט גוט געוואָרן אויף צו כאַלעשן.

— נעם צונויף דעם פאַסקודנעם ווײדל דײַנעם! — רופט זיך אָן צו אים דער וואָלף — און אַנטלויף צו אַלדע שווארצע יאָר, דו הונט איינער, איך זאָל דייַן העסלעכע צורע ניט אָנקוקן!..

ניט טויט, ניט לעבעדיק האָט זיך ראַבטשיק געלאָזט לויפן, ניט גע־פילט די ערד אונטער זיך, מוירע געהאַט זיך ארומקוקן אפילע. ער האָט געמאַכט פיס, אוועק־אוועק פון וואַלד, צוריק — אין שטאָט אַריין!

6

געקומען צוריק אין שטאָט אַריין, האָט ראַבטשיק אויסגעפּעלט דעם הויף, וווּ ער איז אויסגעוואַקסן, כאָטש דאָס האַרץ האָט אים געצויגן

דאפקע אהין, אין יענעם הויף, ווו מע האָט אים איבערגעבראָכן א פוס און אָפּגעבריט דעם רוקן...

האָט ער זיך געלאָזט לויפן אין מארק אריין, אהין — צו די יאטקעס, צווישן די קאצאָווישע הינט.

צווישן אייגענע, הייסט דאָס.

— ס׳קאָצל קומט! פונוואנען איז א הונט? — מאכן צו אים די קאָצאָ־ווישע הינט מיט א גענעצ און גרייטן זיך שוין אָפּ נאכטלעגער.

— טאקע א היגער, — מאכט ראבטשיק, — איר האָט מיך ניט דער־קענט? איך בין דאָך ראבטשיק!

— ראבטשיק? ראבטשיק?.. א קענטלעכער נאָמען! — מאכן די קא־צאָווישע הינט, און קענען זיך קלוימערשט ניט דערמאָנען, ווער דאָס איז.

— וואָס איז דאָס בא דיר פאר א צייכן אפן רוקן? — פרעגט אים צוציק, א קליין הינטל, און שפרינגט אים גלײַך אין פּאָנעם אריין מיט גרויס אזעס.

— מיסטאמע א סימען, מע זאָל אים ניט פארבײַטן, אָדער אזוי פון שיינקייט וועגן. וואָס פארשטייט איר ניט? — רופט זיך אָן מיט א שפּאָס רודעק, א רויטער הונט מיט א מאָכנאטער פעל.

— ס׳א מאָשל! — ענטפערט אים סירקאָ, א גרויער הונט, אן אלטער באָכער מיט איין אייגל און מיט אן אָפּגעשניטענעם אויער.

— אפ צייכנס פרעגט מיך; איך וועל אייך זאָגן, וואָס דאָס איז. דאָס איז א צייכן פון מילכאָמעס מיט אנדערע הינט, מיט גאנצע טיטשקעס...

— אלע רעדן! — רופט זיך אָן זשוק, א שווארצער הונט אָן א ווײדל. — אמער לאָזט ראבטשיקן רעדן, וועט ער אליין דערציילן.

און ראבטשיק ציט זיך אויס אפ דער ערד און הייבט אָן צו דער־ציילן די גאנצע געשיכטע זיינע, לאָזט ניט דורך קיין בּרעקל. אלע ליגן און הערן זיך צו, נאָר רודעק, דער רויטער, וואָס האָט ליב שפּאס, שלאָגט אים איבער אלע מינוט מיט א ווערטל.

— רודעק, דו וועסט ניט אנטשטומט ווערן? — מאכט זשוק, דער שווארצער, וואָס אָן דעם ווײדל, און ציט אויס א לאנגן גענעצ.

— דערצייל, דערצייל, ראבטשיק! מיר האָבן ליב, אז מע דערציילט אונדז מײַסעס נאָכן עסן...

און ראבטשיק הערט ניט אוף צו דערציילן זיין טרויעריקע געשיכטע מיט אן אומעטיקער שטים, נאָר קיינער הערט אים ניט. צוציק רעדט

שטילערהייט מיט סירקאָן, רודעק זאָגט ווערטלעך, און זשוק כראָפּעט, ווי צען סאָלדאטן, כאַפּט זיך אויף אלעמאָל און גענעצט און זאָגט:

— דערציילט, דערציילט, ראבטשיק! מיר האָבן ליב, אז מע דערציילט אונדז מײַסעס נאָכן עסן.

7

גאנצפרי איז שוין ראבטשיק געווען אַף די פיס, ער איז געשטאנען פונדערווײַטן, באטראכט די קאצאָווים מיט די העקערס, ווי זיי האקן פלייש. אָט הענגט א גאנצער פריידעק מיטן האלדז אראָפּ, און דאָס בלוט רינט... דאָרט ליגט א זאָדעק, א פײַנער כיילעק, פעט, מיט שמאלץ באַוואקסן... ראבטשיק קוקט און שלינגט די שליים. די העקערס האקן דאָס פלייש אַף שטיקלעך, טוען א וואָרף אלעמאָל א שטיקל הויט, א שטיקל כיילעק, אָדער א ביינדל פאר די הינט. און די הינט שפרינגען צו און כאַפּן אונטער. ראבטשיק באטראכט, ווי די הינט קליגן זיך, שפרינגען אונטער אקוראט דאָרט, וווּ מע באדארף, לאָזן ניט דורך קיין ביינדל, און איטלעכער הונט, בעשאס ער באקומט זיין כיילעק, טרעט ער אָפּ אַף א זײַט, צעלייגט זיך מיט גרויסקייט און פראווער די סודע, קוקט זיך ארום אלע ווײַלע אַף די איבעריקע הינט, ווי איינער רעדט:

— איר זעט א ביין? דאָס איז מײַנער א ביין, און איך עס אים...

די איבעריקע הינט מאכן זיך, ווי זיי זעען ניט, און אינעווייניק באַ זיך טראכטן זיי זיך:

— ווארגן זאָלסטו זיך! אויסקרענקען זאָלסטו דאָס! א גאנצע פרימאָרגן פרעסט ער און פרעסט, און מיר באדארפן קוקן ווי ער עסט, עסן זאָלן אים ווערים...

און נאָך איין הונט טראָגט א שטיקל פעל און זוכט אן אָרט אַף צו איבערבײַסן, אז קיינער זאָל אים ניט זען:

— ער האָט מוירע פאר א גוט־אויג...

און נאָך א הונט שטייט אקעגן א בייזן קאצעוו, וואָס שמיצט זיך און שרײַט און שעלט זיך מיט די איבעריקע קאצאָווים. דער הונט דרייט מיטן ווײדל און רופט זיך אָן צו די איבעריקע הינט מיט א כאניפעלע:

— איר זעט אָט דעם קאצעוו? איאָ, זיי ווײַזן אויס, דאכט זיך, גאָר א בייזער? לאָמיך האָבן אזא יאָר, וואָס פאר א טײַערער מענטש זיי זיינען! איין דימענט אין דער וועלט! א גילדענער כאראקטער! זיי האָבן בע־

עמעס ראַכמאָנעס אפּ א הונט; זיי זיינען א „הינטן־פּריַנט"... אָט באַלד וועט איר זען, ווי עס פליט א ביין מיט א שטיק פליישׁ — האָפּ!

און ער טוט א שפּרונג אינדערלופטן און א קלאַפּ מיט די ציין, קעדיי יענע זאָלן מיינען, אז ער האָט דאָ געכאַפּט א גראָבס...

— ביידע זאַכן: — רופט זיך אָן א הונט פונדערזיַט — אי א כאַניפּע־ניק, א ליגנער, אי א באַרימער, דער רועך זאָל אים נעמען!..

און נאָך א הונט שטייט באַם קלעצל, וואָס מע האַקט דערויף פליישׁ, און בעשאַס דער העקער קערט זיך אָפּ א וויַלע, שפּרינגט דער הונט אַרויף אפן קלעצל און לעקט מיט דער צונג, ווערט א האַווקעריַי צווישן עלטערע הינט: זיי מאַסערן אים פאַרן העקער, אז דער הונט, דער גאַנעוו, האָט גענאַשט א שטיק פליישׁ, אזא שטיק גאָלד זאָלן זיי האָבן! זיי זאָלן אזוי זען פאַר זיך אלדעסגוטס, ווי זיי האָבן אליין געזען מיט זייערע אויגן; אויב ניט, זאָלן זיי איַנעמען א מיסעמעשונע אפן אָרט, זיי זאָלן זיך דערוואַרגן מיטן ערשטן ביינדל, זיי זאָלן ניט פאַרמאָגן די הערנער מיט די קאָפּעטעס פון די געקוילעטע שאָף!..

— פע, כאַלאָשעס! ס'שלאָגט צו דער גאַל! — רופט זיך אָן אן אַלטער הונט פונדערזיַט, וואָס וואָלט אליין א באַלן געוועזן עפּעס א לעק טאָן.

און ראַבטשיק באַטראַכט זיך:

וואָס וועט זיין דער טאַכלעס, וואָס ער וועט שטיין און קוקן? אַלע הינט שפּרינגען און כאַפּן, וועט ער אויך טאָן דאָס, וואָס אַלע הינט טוען...

און איידער ער קוקט זיך אַרום, האַלט מען אים שוין באַם גאָרגל און מע רייסט אים, עטלעכע הינט מיטאַמאָל, און מע בייסט אים סאַמע אין יענעם אָרט, וווּ סע טוט וויי...

ראַבטשיק לאָזט אַראָפּ דעם וויידל, פאַרקליַבט זיך אין א ווינקל, ציט אויס די מאָרדע און הייבט אָן וואָיען.

— וואָס וויינסטו? — מאַכט צו אים זשוק און באַלעקט זיך נאָכן אָנבייסן.

— ווי אזוי זאָל איך ניט וויינען? — זאָגט ראַבטשיק, — איך בין דער אומגליקלעכסטער פון אַלע הינט אפּ דער וועלט! איך האָב געמיינט, אז דאָ צווישן אייגענע וועל איך כאָטש עפּעס כאַפּן. גלויב מיר, איך וואָלט ניט געקראָכן, נאָר איך בין טויט־הונגעריק, עס גייט מיר אויס דאָס כיַעס!

— איך גלויב דיר, — מאכט צו אים זשוק מיט א זיפץ, — איך פארשטיי, וואָס הייסט הונגער. איך גיי אַרײַן אין דײַן טרויעריקער לאגע. נאָר איך קען דיר גאָרניט העלפן, דאָ איז שוין אזוי איינגעפירט, אז יעדער קאַצעוו האָט זיך זיין הונט, און יעדער הונט האָט זיך זיין קאצעוו...

— איז טאקע רעכט אזוי? — זאָגט ראבטשיק, — וווּ איז יושער? וווּ איז היינטעלעכקייט? ס׳טײַטש, א הונט זאָל צווישן הינט פארלאָרן ווערן? א הונגעריקער צווישן זאטע זאָל אויסגיין פון הונגער?

— איך קען דיר העלפן נאָר מיט א זיפץ, — זאָגט זשוק, גענעצט גאנץ געשמאק, און כאפט א דרימל נאָכן אָנבײַסן.

— אז ס׳איז יאָ אזוי, — מאכט ראבטשיק און נעמט זיך אָן מיט הארץ, — וועל איך גיין גלייך צו די קאצאָווים: עפשער וועל איך מיר אויך אויסהאַוועקן א קאצעוו...

— געזונטערהייט! — זאָגט זשוק, — אבי דו זאָלסט ניט גיין צו מײַן קאצעוו, וואָרום, אז דו וועסט גיין צו מיין קאצעוו, וועל איך דיך מאכן אָן א ווײדל, אזוי ווי איך, דו זעסט, צי ניין?

8

און ראבטשיק איז אוועק גלייך צו די קאצאָווים, דורכגעלאָזט, אויסגעפעלט אלע הינט און האָט זיך אָנגעהויבן צושמייכלען צו די העקערס, שפּרינגען אין פּאָנעם אריין און דרייען מיטן ווײדל. נאָר צום שלימאזל שלעפּט זיך. איינער א העקער, א געזונטער יונג מיט ברייטע פּלייצעס, האָט אַפּ קאטאָוועס, אפּאָנעם, אים א וואָרף געטאָן א האק — א גליק, וואָס ראבטשיק קען שפּרינגען. אניט וואָלט ער צעהאקט געוואָרן אַפּ צווייען.

— דו טאנצסט דאָך גאָר נישקאָשעדיק! — מאכט צו אים רודעק מיט שפּאס. — אסאך שענער פון אונדזער צוציקן. צוציק! קום אהער, וועסטו זען, ווי מע טאנצט.

צוציק קומט צו לויפן און שפּרינגט ראבטשיקן גלײַך אין פּאָנעם אריַין.

ראבטשיק קאָן דאָס שוין מער ניט אריבערטראָגן.

ער כאפּט אָן צוציקן מיט די ציין, לייגט אים אנידער און בײַסט אים אין בײַכל ארײַן.

ער לאָזט אויס צו אים זײַן גאנץ ביטער הארץ און כאפּט די פיס אָפ די פּלייצעס און אנטלויפט, פארשווינדט.

ער פארקלײַבט זיך אליין אין פעלד, ציט זיך אויס אינמיטן טראקט, באהאלט פאר הארצווייטיק און ביזאָיען די מאָרדע צווישן די לאפעס און וויל ניט אָנקוקן די ליכטיקע שײַן. עס ארט אים אפילע ניט, וואָס די פליגן האָבן אים באפאלן און בײַסן אים: לאָזן זיי בײַסן, לאָזן זיי רײַסן, סײַוויסײַ אין דער ערד מיטן קאָפּ!..

— עק וועלט! — טראכט זיך ראבטשיק, — א הונט זאָל ניט קענען צווישן הינט, צווישן אייגענע, איבערלעבן א טאָג אפילע, — מעג זיך שוין איבערקערן די גאנצע וועלט!..

א י נ ה א ל ט

דאָס מעסערל 3
געצל 26
דרײַ קעפּלעך 37
מעסושעלעך 45
ראַבטשיק 59